Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 172	Łódź, Poniedziałek, 25 lipca 1932 r.	צענטער יאהרגאנג	לאדז, מאנטאג, כ״א תמוז תרצ״ב	№ 172

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

אטענטאט אויפן נייעם פראנצויז. פרעזידענט

איז גליקליכערווייזע בעצייטענס אויסגעמיטעט געווארען

פ א ר י ז, 24 (ספ. טעל.)

גאנץ פאריז איז היינט אויפגערודערט געווארען פון דער ידיעה, אז עס איז אויסגעמיטען געווארען אנ׳אטענטאט אויף דעם איצטיגען פראנצויזישען מלוכה-פרעזידענט אלבערט לעברען.

ארויסגעוויזען האט זיך פאלגענדעס:

אין פאלאץ, וואו עס וואוינט דער מלוכה-פרעזידענט איז געקומען אנ׳עלעגאנט-געקליידעטער הער און געבעטען, מ׳זאל איהם צולאזען אויף אנ׳אודיענץ צום מלוכה-פרעזידענט, ווייל ער וויל איהם פראפאנירען, ער זאל איבערנעהמען דעם פארזיץ פון א גרויסען האנדעלס-סינדיקאט.

דאס פערהאלטען זיך פון דעם דאזיגען הער איז אבער אויסגעפאלען פערדעכטיג און מ׳האט איהם פערהאלטען.

בעת דער רעוויזיע האט מען ביי איהם געפונען 2 אנגעלאדענע רעוואלווערען.

עס ווייזט זיך ארויס, אז דאס איז א ביימטיג קראנקער פראנצויז, מיט׳ן נאמען: באדע.

אין גאנץ פראנקרייך האט די דאזיגע ידיעה געמאכט א גרויסען רושם, און מ׳האלט, אז מ׳האט אפגעראטעוועט דעם פרעזידענט פון א זיכערען אטענטאט, וואס וואלט געהאט געשעהן פונקט ערב דעם פראצעס פון דעם פרעזידענטען-מערדער גארגולאוו.

היינט — דער אורטייל איבער דער בערלינער רעגירונג

ב ע ר ל י ן, 24 (ספ. טעל.)

גאנץ דייטשלאנד איז אין ערווארטונג פונ׳ם אורטייל פון מלוכה-טריבונאל וועגען דער אנקלאגע פון דער פרייסישער רעגירונג געגען דער רייכס-רעגירונג.

מארגען וועט דער אורטייל ארויסגעטראגען ווערען.

ארעסטירט דעם אנפיהרער פון די „רייכסבאנער“

ב ע ר ל י ן, 24 (ספ. טעל.)

אין אויפטראג פון מיליטער-קאמענדאנט איז היינט ארעסטירט געווארען דער אנפיהרער פון די „רייכסבאנער“, ברייער.

דער מאיאר אנקער, וועלכער האט אויך געזאלט ווערען ארעסטירט, איז ארויסגעפאהרען בעצייטענס קיין דארמשטאט, וואו עס גרייכט נישט די מאכט פונ׳ם מיליטער-קאמענדאנט.

גלייכצייטיג איז אויך געווארען אפגעשטעלט אויף 5 טעג די דעמאקראטישע „בערלינער פאלקסצייטונג“.

א פאסט-בלאקאדע פון דער נייער מאנדזשורישער מלוכה

פ א ר י ז, 24. (ספ. טעל.)

פון טאקיא מעלדעט מען, אז די כינעזישע רעגירונג האט ארויסגעגעבען א קאמוניקאט, דאס פון נעכטען אן איז ערקלערט געווארען א פאסט-בלאקאדע פון דער נייער מאנדזשורישער מלוכה.

טשעכישע אקציע צו דעם צוטריטי-אפמאך

פ ר א ג, 24 (ספ. טעל.) די געזאנדטע פון טשעכאסלאוואקיי אין פאריז און לאנדאן האבען מודיע געווען די רעגירונגען פון פראנקרייך און ענגלאנד וועגען אנשליסען זיך פון טשעכאסלאוואקיי צו ד״ם פראנצויזיש-ענגלישען צוטרוי - אפמאך.

רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס, ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער

אויף אנציגער און פאלטענס

ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערציגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געדענקט נאר

אין פראנט, II שטאק

Dr. med.

D. ROZENCWAJG

האט זיך איבערצויגען אויף

16 Narutowicza 16

(Piłsudskiego 76)

Telefon 128-74.

נעהמט אן פון 9–10 פריה און פון 6–7 אווענד.

מינדל ליסטמאן

יוסף אקראנגלי

האבען חתונה-געהאט

לאדז, אין יולי 1932.

אונזער געעהרטען חבר און מיטארבייטער

ה׳ וואלף בערקאן און פרוי

צו די תנאים פון זייער ליבען זוהן

יוסף מיט פרל. פראניא וויטעלזאהן

ווינשט מזל-טוב

פערלאג

„נייער פאלקסבלאט“

פארק „העלענאוו“

טראמווייען 8, 4.

מארגען, דינסטאג, דעם 26 יולי 30 8 אווענד

פאר׳ן אפפאהר נאך אויסלאנד וועט אויפטרעטען מיט א

אפשידס-קאנצערט

דער וועלט-בעריהמטער אויבער-קאנטאר פון דער ווארשאווער סינאגאגע

ה׳ משה קוסעוויצקי

דאס פראגראם בעשטעהט פון רעליגיעזע תפלות, יודישע פאלקס-לידער און אפערן-אריעס פון זיין נייעסטען רעפערטואר און קומט פאר מיט דער בעטייליגונג פון

פילהארמאנישען ארקעסטער. • ביים קלאוויר: פר. ליכטערמאן-דאווידאוויטש. • אלע פלעצער צום פרייז פון 1.10 זל.

בילעטען-פארפארקויף: זעלטמאנאוויטש, פעטריק. 12; וויינבערג, נאוואמיעסקא 30 (קאנדיטארע); קאטעק, פעטריק. 294 (קאנדיטארע); חישינסקי, גלובנא 62 (קאנדיטאריי); הקורא, 6-שערגיען 1 (ב״עטשארניע) און אין קאסע פון העלענאוו

פארק „העלענאוו“

טראמווייען 8, 4.

טעאטער „סקאלא“ שרודמיעסקא — 15 —

מיטוואך, ד. 27-טען ד.ח.

געזעגענונג-פארשטעלונג!

בערטא גערסטען

געזעגענט זיך

„מירעלע אפרת“

אכטונג!

מיט׳ן לאדזער עולם פאר איהר אפפאהרען קיין אמעריקע.

ס׳ווערט געגעבען די יודישע קלאסישע דראמע

סורפריז! נאך דער פארשטעלונג

א גרויסע קאנצערט-אפטיילונג

עס ווערט געגעבען:

1) די קאבארעט-סצענע פון „ראספוטין“—דער „ציגיינער-טאבאר“

2) לעצטע סצענע פון „קאמעליען-דאמע“

3) לעצטער קאפיטעל פון פרצ׳עס „גאלדענע קייט“ און נאך א סך אטראקציעס, וואס וועלען נאך געמאלדען ווערען. —

צום שלום, — וועט בערטא גערסטען זיך געזעגענען :: מיט׳ן עולם ::

• פרייזען פון 50 גר. ביז 2 זל.

בעדואינער כּעפּאלען יודישע שומרים

ירושלים, 24 (ספ. טעל.)
געכטען פאַרטאָג זענען בעדואינער בעפאַלען דעם שומער פון דער יודישער קאָלאָניע אין „עמק אברעק", אַלעקסאַנדער זייד.

סייד און זיין זוהן זענען פערוואונדעט געוואָרען.

דער זוהן איז אין אַ שווער'ן צושטאַנד אָפּגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל.

עס זענען געמאַכט אַרעסטען צווישען די בעדואינער.

בלוטיג געשלעג צווישען אראַבער

ירושלים, 24 (ספ. טעל.)
אין דעם אַראַבישען דאָרף קאבא, נישט ווייט פון ירושלים, איז אויסגעבראָכען אַ בלוטיג געשלעג צווישען דער דאָרטיגער בעפעלקערונג.

בעת'ן געשלעג זענען דער'הרגעט געוואָרען 5 אַראַבער, און 30 זענען שווער-פערוואונדעט געוואָרען.

אינ'ם דאָרף האָט מען געפונען אַ סך אַמוניצי

געעפענט דעם צוזאַמענפאָהר פון „שול-קולט" אין ווארשא

וואַרשאָ, 24 טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט)
היינט האָט זיך געעפענט דער ערשטער צוזאַמענפאָהר פון „שול-קולט", צו וועלכען ס'זענען געקו

מען 150 דעלעגאַטען פון גאַנץ פוילען.

אַלס עהרען-פאָרזיצער איז אויסגעוועהלט געוואָרען דוד פינסקי

עס זענען געהאַלטען געוואָרען דיסקוסיעס וועגן דער רעכטליכער לאַגע פון דעם יודישען שול-וועזען.

היינט — גאָרגולאָוו'ס פּראָצעס

פּאַריז, 24 (ספ. טעל.)
מאָרגען מאָנטאָג הויבט זיך אָן דער פּראָצעס פונ'ם פּרעזידענטען-מערדער גאָרגולאָוו.

עס זענען שוין אָנגעקומען קיין פּאַריז הונדערטער צייטונגס-פאָרשטעהער פון אויסלאַנד און פון דער פּראָווינץ.

ווי די תפיסה-וועכטער גיבען איבער, פערהאַלט זיך גאָרגולאָוו די לעצטע טעג זעהר אומרוהיג.

גאַנצע טעג שפּאַנט ער אום בעווען איבער דער טורמע-קאַמער, רעדט צו זיך אַליין, און שרייבט אַ מאַסע בריף צו פערשידענע פּערזאָנען.

בעת דער לעצטער זעהונג מיט זיין פערטיידיגער האָט ער געבעטען, מ'זאָל אויפ'ן פּראָצעס נישט דערמאָנען, אַז ער איז אַמאָל געווען קראַנק אויף אַ ווענערישע קרענק.

— ס'פּאַסט נישט פאַר איהם, — האָט ער געזאָגט — אַז ער, אַ גרינדער פון אַ נייער פּאָליטישער אידעע, און פון אַ נייער רעליגיע, זאָל זיין געוועזען וועגעריש קראַנק...

אַגב ווערען זיך איצט טויזענטער פּראָצעזיזען אַז גאָרגולאָוו וועט ענדיגען זיין לעבען אויף דער גיליאָטינע.

אויב ס'איז דא געלד אויף קוילען
דאַן זאָל אויך שטייען געלד אויף בעצאָהלען חובות!!

וואשינגטאָן, 24 (ספ. טעע.)
דער פאָרזיצער פון דער אויסערן-קאָמיסיע ביים אמעריקאנער סענאַט, סענאַטאָר באָראַה, האָט געהאַלטען אַ רעדע אויף דער זיצונג פון דער סענאַט-קאָמיסיע וועגען די רעזולטאַטען פון דער לאָזאַנער קאָנפערענץ.

באָראַה האָט געזאָגט, אַז אמעריקא דאַרף נישט שענקען איהרע מיליאַרדען די אייראָפּעאישע בעלי-חובות, וועלכע בעוואָפענען זיך, און גרייטען זיך צו אַ מלחמה.

— אויב עס שטייעט געלד—האָט ער דערקלעהרט—אויף קוילען, טאָ זאָל אויך שטייען אויף צו דעקען די חובות...

ד"ר מאָזלע

נייער בערליגער פּאָליציי-פּרעזידענט.

מאסען-רעוויזיעס און ארעסטען איז בערלין

בערלין, 24 (ספ. טעל.)
פאָריגע נאַכט זענען דורכגעפיהרט געוואָרען אַ סך רעוויזיעס אין די לאָקאַלען וואו ס'קומען זיך צוזאַמען קאָמוניסטען.

עס זענען דערביי אַרעסטירט געוואָרען 50 פּערזאָן, ביי וועלכע מ'האָט געפונען געוועהר.

בעוואפענטע מארש אויף בערלין
גרייטען די היטלעריסטען אונאָפּהענגיג פון דעם וואהלען-רעזולטאַט

בערלין, 24 (ספ. טעל.)
דער היטלעריסטישער דעפּוטאַט צילקענס האָט אין דער שטאָט האַלצמינדען געזאָגט, אַז אונאָפּהענגיג פון די וואהלען דעם 31 יולי וועלען די היטלעריסטען צוגרייטען אַ בעוואָפענטען מארש אויף בערלין.

אַ צווייטער רעדנער, דעפּ. רושט, האָט דערקלעהרט, אַז נאָך דעם 31 יולי, ווי די וואהלען זאָלען נישט אויספאַלען, וועט איבער דייטשלאַנד רעגירען אַדאָלף היטלער.

אַ ציקלאָן איבער ווענעציע

רוים, 24. (ספ. טעל.)
אין דער געגענד פון ווענעציע איז אַדורכגעגאַנגען אַ ציקלאָן, וועלכער האָט אָנגעמאַכט גרויסע חורבונות.

פון דונערן זענען דערהרג'עט געוואָרען 5 פּערזאָן.

מכּוח ענדערונגען אין דער פּוילישער רעגירונג

וואַרשאַ, 24 (טעלעפאָניש).
אין די אַזויגערופענע פּאָליטישע קרייזען, האַלט מען אַז דער פּאָליטישער הערבסט-סעזאָן וועט זיין אַ זעהר לעבהאַפטער און, אַז ער וועט זיך אָנהויבען שוין אין סוף סעפּטעמבער, אָדער אין אָקטאָבער מיט אַ קאַבינעט-ענדערונג.

אין די סאַנאַציע-קרייזען פערזיכערט מען, אַז דאָס וועט זיין בלויז, ווי מען זאָגט עס — אַ „וואָך-ענדערונג".

לויט ווייטערדיגע קלאַנגען זאָל די „וואָך"-ענדערונג קודם כל נוגע זיין די מיניסטאָרען: פאַר אַרבייט און געזעלשאַפטליכער שוץ, פאַר יוסטיץ און פאַר האַנדעל-און-אינדוסטריע.

ווער עס זאָל זיין די פאָרטרעטער פון די מיניסטאָרען הוביצקי און זאַרזשיצקי, איז לעת עתה נישט בעוואוסט.

דערפאַר אָבער ווייסט מען צו דערציילען, אַז דער איצטיגער פינאַנץ-מיניסטער זאָל נאָך מיכאַלאָווסקי'ן איבערגעהמען די טעקע פון יוסטיץ-מיניסטער.

דער נאָמען פונ'ם קומענדיגען פינאַנץ-מיניסטער ווערט אויך נישט אָנגערופען.

וואָס נוגע דעם פּרעמיער, זענען די מיינונגען סתירה'דיגע: אייניגע, למשל, האַלטען, אַז דער איצטיגער פּרעמיער וועט ווייטער בלייבען אויף זיין פּאָסטען, א. א. זאָגען, אַז ער איז בעשטימט אויף אַנ'אַנדערען מעהר העכערען אמט. וואָס וועט בקרוב פריי ווערען.

מען רעדט אויך וועגען דעם, אַז עס זאָל אויך דימיסיאָנירען דער איצטיגער וויצע-פּרעמיער, ד"ר זאַוואַדזקי, און אַז זיין פּלאַץ זאָל פערנעהמען דער איצטיגער אינערן-מיניסטער, פּאָלקאָווניק פּיעראַצקי.

פאָן פּאַפּען בערוהיגט
אַז ער וועט נישט בעריהרען די אויטאָנאָמיעס פון אַנדערע דייטשע לענדער

בערלין, 24 (ספּ. טעל.)
אויף דער קאָנפערענץ פון די דייטשע פּרעמיערען אין שטוטגאַרט, אונטער דעם פאָרזיץ פון פאָן פּאַפּען האָט זיך עס דער-עיקר געהאַנדעלט וועגען בערוהיגען די פאָרשטעהער פון די בעזונדערע רעפּובליקען, אַז זייערע אויטאָנאָמיעס וועלען נישט אָנגערירט ווערען.

עפענדיג שוין די קאָנפערענץ האָט דער קאַנצלער פאָן פּאַפּען דערקלעהרט אין אַ דעקלאַראַציע, אַז די דייטשע רעגירונג האָט נישט בדעה אָנצווענדען ערגיץ-וואו אַזעלכע רעפּרעסיעס, ווי עס זענען אָנגעווענדעט געוואָרען אין פּרייסען.

דער קאַנצלער האָט דערביי בעמערקט, אַז אַלע פערבאַנד-רעפּובליקען בעמיהען זיך צו דערהאַלטען די רוהע און אינערליכע זיכערקייט, וואָס עס קאָן נישט געזאָגט ווערען וועגען דער פּרייסישער רעגירונג, וואָס האָט טאָלערירט די רעוואָלוציאָנערע אַקציע פון די קאָמוניסטען.

דער קאַנצלער האָט געענדיגט זיין רעדע מיט קאַטעגאָרישער דערקלעהרונג, אַז די דייטשע רעגירונג האָט נישט בדעה אייבצופיהרען אין ערגיץ אַנדערש, מחוץ פּרייסען, קאָמיסאַרען-הערשאַפט.

גערעדט צום דאשעק...

בערלין, 24 (ספּ. טעל.)
דער היטלעריסטישער פיהרער, הוגענבערג האָט היינט געהאַלטען אַ רעדע דורכן ראַדיאָ.

ווען ער האָט אָנגעהויבען רעדען זענען קאַליע געוואָרען אַלע קאַבעלען, וואָס פיהרען פון דער ראַדיאָ-סטאַציע און אויך אַלע עלעקטרישע דראָטען.

אַזוי אַרום איז די רעדע אַבסאָלוט נישט געהערט געוואָרען.

פּאָליציי פיהרט אַנ'אויספאָרשונג וועגען דעם דאָזיגען סאַבאָטאַזש-אַקט.

„יודאסלאוויא" אין 7 יודישע שטעט
ענדעקישער „יודען-קענער" נאָוואַטשינסקי רעדט פון דער היץ

ס'איז תמוז, די זון ברענט און ס'איז זייס און היץ זעהט אויס, ווירקט שטאַרק אויף די נערווען פון יודען-קענער פון דער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" פּאַן יודאַדאָלף נאָוואַטשינסקי, וועלכער האָט אָנגעהויבען לא עלינו, צו רעדען פון וועג.

אין דער בעסטיגער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" פערנעהמט ער ווידער אַ גאַנצע זייט מיט זיין יודען קענטניש, אַ געלעגענהייט געפינט ער שטענדיג, אויך דאָסמאָל האָט ער געגומען פאַר אַ קרבן די בעריהמטע דענישע שריפטשטעלערין קארין מיכאַעליס, וועלכע האָט געהאַט די אונפאַרזיכטיגקייט זיך אַרויסצוזאָגען מיט עטליכע ווערטער געגען אַנטיסעמיזם.

דאַ ווערט שוין ביי נאָוואַטשינסקי'ן קארין מיכאַעליס אויס שריפטשטעלערין, זי איז נישט איבערטערעסאַנט, נודנע, אַנ'אַלטע מויד און ד. גל. די שריפטשטעלערין וועט זיך אָבער איהר שטעטעל אַליין בעשטעהען, אונז אינטערעסירען איצט די אונזיניגע פּלוידערייען פון נאָוואַטשינסקין וועגען די יודען אין פוילען.

קודם-כל האָט דער דאָזיגער פּובליציסט—לץ געפינען אַ פּאַסיגען נאָמען פאַר פּוילען און בעהמליך, „יודאָסלאַוויאַ" און מיט דעם נאָמען אַפּערירט אין זיין גאַנצען אַרטיקעל.

נאָוואַטשינסקי פרעגט די שריפטשטעלערין אויב זי וואָלט אויך אַזוי גערעדט וועגען אַנטיסעמיטיזם ווען אין דענעמאַרק זענען נישט פערהאַן קיין 5500 יודען, נאָר 3 מיליאָן 125 טויזענד ווי אין פּוילען, מ'דאַרף איהר זאָגען אַז ס'איז פערהאַן אַ גרויסע מלוכה, וואו אין זיבען שטעט האָבען די יודען אַנ'איבערוויגענדע מעהרהייט. די דאָזיגע שטעט ליגען אין מזרח-טייל פון „יודאָסלאַוויאַ" און נעהמליך: פּינסק, ראָוונע, גראָדנע, בריסק, ביאַליסטאָק און בענדין. מ'דאַרף ווייטער זאָגען דער דאָזיגער מיכאַעליס שרייבט נאָוואַטשינסקי, אַז אין וואַרשאַ זענען פערהאַן 33 פּראָצענט יודען, אין לאָדז 32,7 פּראָצ, ווייטער דאַרף מען איהר זאָגען, אַז אין דערזעלבער „יודאַסלאַוויאַ" ווערען אַרויסגעגעבען 171 יודישע צייטשריפטען און 24 העבּרעאישע, דערויף פּאַלט אויס אויף וואַרשאַ 40 (?) יודישע צייטשריפטען און העבּרעאישע, אין דער דריטער גרויסער שטאָט לאָדז 22 (?) יודישע צייטשריפטען און 3 העבּרעאישע.

אויב שרייבט ווייטער נאָוואַטשינסקי ברמוזים'דיג, דער איצטיגער רעזשים וועט נאָך רעגירען דריי צו פיר יאָהר, וועט די צאָהל יודישע און העבּרעאישע צייטשריפטען שטאַרק וואַקסען. און אין 5 יאָהר אַרום וועט אין וואַרשאַ די צאָהל יודען אויסגעגליכען ווערען מיט דער צאָהל „יודאַסלאַוויאַנער" אַזוי וועט אין יאָהר 1938 דער ערשטער שטאָט-פּרעזידענט פון וואַרשאַ זיין פּראָפעסאָר ד"ר שאַבעס גאַיאָוויטש און דריי וויצע-פּרעזידענטען אַ ציוניסט, אַנ'אַגודה'ניק און אַ פּועלי-ציוניסט.

אָט אין דעם טאָן פּאָלעמיזירט נאָוואַטשינסקי מיט דער בעריהמטער שריפטשטעלערין דערפאַר, וואָס די לעצטע האָט זיך ערלויבט צו שרייבען פאָלגענדעס:

„מיט שטאָלץ קען איך בעטאָנען, אַז מיר אין דענעמאַרק ווייסען שוין נישט זייט עטליכע דורות פון באַקציל וואָס הייסט אַנטיסעמיטיזם, קיינער פרעגט ביי אונז קיינעם נישט, צי ער איז אַ יוד? ביי אונז וואָלט געווען אוממעגליך דאָס וואָס ס'קומט פאָר יעדען טאָג אין עסטרייך, וואו די סטודענטען שלאָגען און יאָגען אַרויס זייערע יודישע קאָלעגען פון די אוניווערזיטעטען, ביי אונז ווייס מען נישט וועגען די בעסטיאַליטעטען אין רומעניען א. ד. גל. ביי אונז קען קיין מענש זיך נישט פאָרשטעלען קיין פּאָגראָם, מיר ווילען אויך פון דעם אַלעם נישט וויסען".

גראָד האָט דאָס קארין מיכאַעליס געשריבען אין די צייט פון גרויסע היצען, וואָס האָט אַזוי געווירקט אויף נאָוואַטשינסקי, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען פון וועג.

טעאַטער „סקאַלאַ", שרודמיעסקאַ 15.

גאַסטשפּילען פון דער וועלט-בעריהמטער קינסטלערין, שטערן פון ניו-יאָרקער קונסט-טעאַטער

בערטא גערסטען מיט אָנטייל פון קלאַראַ סעגאַלאָוויטש.

היינט, מאָנטאָג, דעם 25-טען יולי, 9 אָוונט

כ'וויל אַ קינד

פּיעסע אין 3 אַקטען פון א. בלום.

אין דער הויפּט-ראָלע בערטא גערסטען.

ס'נעמט אָנטייל פּאָלג. ערשטקלאַס. אַרטיסטען-אַנסאַמבל: גערסטען בערטאַ. סעגאַלאָוויטש קלאַראַ. באַרסקאַ-פישער. שילער רבקה. ראָזענבלום דבורה, בוזגאַן חבל. בליאַכער שבתי, לאַנדוי שמואל, מעלניק נחום, סטרוגאַטש יוסף. שריפטזעצער לייב.

אַדמ. לייטונג: אָסס. טעכנ. לייטער: ק. גוטמאַן. סופליאָר: מ. אייזענבערג.

בילעטן אין קאַסע פון 11—1 און 5—9. דאָס טעאַטער איז מעכאַניש ווענטילירט און ס'איז זעהר קיהל.

Starszy Felczer

L. Tajchner

אַלטשטאָדט 12 טעל. 165-72

בעזיצט אַ 23-יעהריגע שפּיטאַל-פּראַקטיק אין וואַרשאַ און אין לאָדז.

נעהמט אָן קראַנקע פון אַלע ספּעציאַליטעטען אַ גאַנצען טאָג.

פאַר אָרימע אויפנאַהם פון 8—10 פּריה נור 1 זל.

פּאַקעט-שטעלן מיט פרישע קראַוויאַנקעס און גיט טרויס בעשייניגונגען

די לאגע פון די יודען אין רומעניען
נאך די נייע וואהלען

ס'איז שוין נאך די נייע וואהלען צום רומענישען פארלאמענט, דאס קאפיטעל רודפ'ן געהט נישט אראפ פון דער טאג-ארדנונג אין דער יודישער עפענטליכקייט, און מעגען פארקומען די ווילדסטע געשעהענישען אין לאנד און מעג די שאכט אין רומעניען איגנאנצען איבערגעהן פון איין געגנערישען לאגער אין אנדערען — די בעציהונג צו יודען, צו דעם כבוד און לעבענס-זיכערקייט פון די יודען בלייבט איינע און דיזעלבע.

פאר די לעצטע עטליכע יאהר זענען געווען ראדיקאלע רעגירונגס-ענדערונגען אין רומעניען, אבער אלע ביז-איצטיגע רעגירונגען זענען געווען אפען אדער פערבעהאלטען פערבונדען מיט דער אנטיסעמיטיש-באנדיטישער שיטה פון פראפעסאר קוזא און זיין פארטיי.

געווען אזעלכע רומענישע רעגירונגען, וועלכע זענען געגאנגען אפען האנד ביי האנד מיט דעם פאגראמטשיק קוזא און האבען בערעכטיגט אלע זיינע מעשים און משוגענע איינפאלען. ס'זענען אבער געווען אויך אזעלכע, וועלכע האבען שטילערהייט „גוט-געהייסען" די מעשים פון קוזא'ס „אייזערנער גווארדיע". אזוי איז אויסגעקומען, אז אונטער אלע רומענישע רעגירונגען האט געהערשט דער שרעקליכער ווילקיר, טעראר און פאגראם העצע געגען יודען, און די שטעט און שטעטלעך האבען זיך אפגעשפילט מיטעלאלטערליכע מעשים, פאגראמען, אונטערצינדונגען, פערפיניגונגען אויף טויט פון אומשולדיגע יודען. די זשאנדארמעריע איז געווען זעלבסטהערשערס און איהרע געוואלד-טאטען זענען שטענדיג געבליבען אונבעשטראפט.

אזוי איז עס געווען ביז איצט און אזוי בלייבט עס אויך אויף ווייטער. ס'איז שוין נאך די וואהלען צום רומענישען פארלאמענט. ס'האט געוו'גט די איצטיגע רעגירונגס-פארטיי, וועלכע איז גלייך צו דער נאציאנאלער פויערים-פארטיי, דיזעלבע גרופירונג איז דאך ביז איצט אויך געשטאנען ביי דער מאכט און ס'איז דעריבער געוונג צו נעהמען די רשימה פון טעראר-אקטען, שיקאנעס, רדיפות און פערפאלגונגען אויף יודען בעת איהר הערשאפט, גענוג צו געבען א קוק אויף די פיינען, וואס די יודען האבען געהאט אויסצושטעהען בעת דער וואהל-קאמפאניע, כדי זיך צו איבערצייגען, אז אין דער לאגע פון די יודען נאך די נייע רומענישע וואהלען האט זיך גארנישט געענדערט.

פערקעהרט. ס'ווייזט אויס, אז די יודישע לאגע וועט נאך ערגער ווערען, א סימן דערצו איז, אז די אפענע פאגראמטשיקעס — קוזא און זיינע לייט זענען אריין אין א פערגרעסערטער צאהל אין נייעם פארלאמענט. די „אייזערנע גווארדיע", וועלכע רעדט אפען וועגען א נייעם קרייצצוג איבער די יודישע שטעט און שטעטלעך, איז אריין אין פארלאמענט אין א פערגרעסערטער צאהל.

דער פראצענט פון די פאגראם-לייט איז געשטארקט און די קליינע צאהל יודישע נאציאנאלע דעפוטאטען, וועלכע זענען אריין אין פארלאמענט מיט דער גרעסטער מסירת נפש, וועט זיך נישט קענען אקעגענשטעלען דער אנטיסעמיטישער כוואליע.

די יודען פון דער גאנצער וועלט זענען זעהר אויפמערקזאם אויף דער לאגע פון זייערע ברידער אין רומעניען, וועלכע דארפען פיהרען א שווערען קאמף פאר זייער קיום.

י. ד.

———):o:(———

מלחמה-קלאנגען אין דרום-אמעריקא
פאראגוואיש מיליטער שיסט אויף באליווישע פארטען

פון לא פאץ איז מען מודיע וועגען נייע בעוואפענטע אינצידענטען, וואס זענען אויסגעבראכען אויף דער באליוויש-פאראגוואישער גרעניץ, און וועגען מלחמה-שטימונגען, וואס הערשען אין שייכות דערמיט אין דער הויפט-שטאט פון באליוויען.

א גרויסע אפטיילונג פונ'ם פאראגווישען מיליטער האט דעם 15 יולי באמבארדירט פון פעלד-הארמאטען דעם באליווישען פארט מאריסקאל אין דער פראווינץ סאנטא-קרוץ.

אין דעם דאזיגען פארט געפינט זיך אן אפטיילונג פון 300 באליווישע זעלנער.

נעבען לאזאנא האבען די זעלנער געזאלט אטאקירען די 4-טע באליווישע דיוויזיע.

די דאזיגע ידיעות האבען אין לא-פאץ ארויסגערופען א שטארקע אויפרעגונג. אויף די גאסען זענען פארגעקומען גרויסע דעמאנסטראציעס, די אנטיילנעמער פון וועלכע עס האבען געפאדערט ס'זאל דערקלערט ווערען קריג צו פאראגוואי.

היסטארישער טאג אין בערלין
ווי פאן-פאפען האט געמאכט די איבערקעהרעניש

„דער טאג וועט בלייבען פערשריבען אין דער היסטאריע" — האט אויסגערופען סעווערינג, ווען דער דייטשער קאנצלער פאן פאפען האט איהם נעמאלדען ביי זיך אין קאבינעט, אז ער מוז פערלאזען זיין אמט און איבערגעבען זיינע פונקציעס דעם נייעם רייכס-קאמיסאר.

— מען וועט לכל הפחות נישט קאנען בעשולדיגען א רעפובליקאנישען מיניסטער, אז ער האט דעזערטירט אין א מינוט פון געפאהר — האט ער צוגעגעבען.

און באלד נאכדעם איז ער אוועק אין זיין מיניסטעריום און איינגעזעצט זיך אין קאבינעט, ווארטענדיג, אז מען זאל קומען נעהמען איהם פון דארט מיט געוואלד.

* * *

אויף די בערלינער גאסען האט דערווייל געהערשט אנ'אויסערגעוועהנליכע אויפרודערונג. א גרויסער המון האט זיך געשטופט ביי די פרישע אפישען, וואס זענען אויסגעקלעבט געווארען אויף די ווענד און אין וועלכע דער נייער קאמענדאנט פון בערלין גענעראל פאן רונדשטעדט, האט געמאלדען אין קורצע און ענערגישע אויסדרוקען, אז אין בערלין איז ערקלערט בעלאגערונגס-צושטאנד און אז ער האט איבערגענומען די מאכט.

עס האט געשמעקט מיט די צייטען פון מלחמה און בירגער-קריג. דער המון אויף די גאסען איז אבער געווען איינגעהאלטען און האט נישט ארויסגעוויזען קיין חשק צו מאניפעסטירען. מען האט זיך געפיהלט ווי אין א קלאם פון מיליטערישער דיסציפלין. קיין „ברוינע העמדלעך" האט מען נישט געזעהען אין די גאסען. היטלער האט, ווייזט אויס, געגעבען זיי אינסטרוקציעס צו בלייבען אין דער היים. פאר איהם האט געארבייט זיין מיטהעלפער פאן פאפען.

* * *

צום פאלאץ פון דער פרייסישער רעגירונג אויף ווילהעלמשטראסע איז אנגעקומען א פאנצער-אויטא. פון איהם זענען ארויס אנ'אפיציר און דריי סאלדאטען. זיי זענען אריין אין פאלאץ און האבען איהם אקופירט. די פרייסישע רעגירונג האט פערלוירען איהר מאכט.

אנדערע פאנצער-אויטאס האבען געבראכט א גאנצען באטאליאן סאלדאטען צו די אנדערע פרייסישע רעגירונגס-געביידעס, וועלכע זענען שוין בעזעצט געווארען.

פאן פאפען האט געוויזען, אז ער שפילט זיך נישט מיט ווערטער.

דער המון איז זיך רוהיג געשטאנען און געקוקט אויף דער איבערקעהרעניש, וואס איז פארגעקומען אין זיינע אויגען.

* * *

ביים פאליצי-פרעפעקט פון בערלין, דעם סאציאל-דעמאקראט גזשעזינסקי איז אפגעהאלטען געווארען א בעראטונג, וואס טוט מען, ווען מען זאל מען פאלגען?

פלוצלינג איז אין זאל אריינגעקומען א גרויסע אפיצירען פון רייכסוועהר און האט געמאלדען דעם פרעפעקט, אז ער ווי אויך זיין געהילף, דר. וויים און דער פאליצי-שעף קאלאנעל היימאנסדארף זענען ארעסטירט.

די בעראטונג האט געדויערט ווייטער. מען האט אנגעשריבען א בריף צום נייעם קאמיסאר דר. בראכט און געמאלדען איהם, אז מען וועט דעם פאסטען פרייוויליג נישט פערלאזען.

עס איז נישט א דורך קיין האלבע שעה ווי צו דער פרעפעקטור איז אנגעקומען א רייכסוועהר-אפטיילונג און באלד האט דער המון געזעהן ווי מען האט געפיהרט ארעסטירטע די דריי העכערע פאליצי-שעפען פון בערלין.

די פאליצי-אגענטען אויף די גאסען האבען סערביסען די ציין פון צארן און שאנדע די גאנצע פאליציי האט זיך געפיהלט געטראפען, און האט גארגישט גערעדט און שטילערהייד געבעטען דעם המון פונאנדערצוגעהן זיך...

בלויז א קליינע גרופע פאליציאנטען, וואס איז געשטאנען ביים ארויסגאנג פון מיניסטעריום האט אויסגעשריגען:

— זאל לעבען די רעפובליק...

* * *

9 א זייגער אווענט. גאנץ בערלין ווארט נייגעריג אויף די ווייטערדיגע געשעהענישען, וואס וועט טון סעווערינג? ער זיצט שוין א גאנצען טאג ביי זיך אין קאבינעט און וויל נישט אוועק פון דארט מיט גוטען. וועט פאן פאפען ענטשליסען זיך צו ארעסטירען דעם דאזיגען מענש, וועלכער האט אכט יאהר צייט געהיט מיט אנ'אייזערנער האנד די ארדנונג אין פרייסען?

עס קומט אן אנ'אויסא. אין מיניסטעריום געהען אריין דער נייער קאמיסאר דר. בראכט, דער נייער פאליצי-פרעפעקט מעלכער, און עטליכע פאליצי-אגענטען. זיי געהען אריין ברוטאל אין קאבינעט צו סעווערינג'ן און הייסען איהם איבערצוגעבען זיינע פונקציעס.

סעווערינג איז בלאס, אבער רוהיג. ער ערקלערט, אז ער טרעט אפ פאר'ן ברוטאלען כח. און ער געהט ארויס פון קאבינעט אין זיין פריוואטער דירה, וועלכע געפינט זיך דא, הינטער דער צווייטער טיר.

פאן פאפען האט געזיגט. דער דיקטאטאר ערקלערט, אז ער בעטראכט, אז סעווערינג האט נאכגעגעבען און ער נעהמט איבער דעם אינערן-מיניסטעריום.

* * *

א וואונדערבארע קאלטבלוטיגקייט האבען ארויסגעוויזען די ארבייטער-קרייזען. דארט פערשטעהט מען, אז יעדער פרוב פון א אקטיווען ווידערשטאנד וועט קודם כל אונטערדריקט ווערען אונבארמהערציג. און צווייטענס וועט עס זיין א גוטער אויסרייד פאר פאן-פאפענ'ען אבצולעגען די וואהלען צום רייכסטאג, דעם 31. יולי.

ווייל די וואהלען צום רייכסטאג זענען נאך די לעצטע האפנונג פאר די דייטשע דעמאקראטישע קרעפטען. דאס איז נאך דאס לעצטע מיטעל צו בעווייזען דעם כח פון דייטשען ארבייטער-קלאס. אויב מען זאל געהען צו די וואהלען דיסציפלינירט, קאן דער רעזולטאט זיין גאר אנ'אונערווארטעטער. עס קאן אמאל געצוועהלט ווערען א אימפאזאנטע לינקע מעהרהייט, און דעמאלסט וועט מען זעהען.

דעריבער האט מען בעשלאסען דערווייל צו ווארטען. מען האט נאך איין מעגליכקייט אויסצומיידען אנ'אויפשטאנד און בלוטפערגיסונג. זאל מען זי אויסנוצען. און דאס האבען פערשטאנען אפילו די קאמוניסטען.

בערלין איז איינגעשלאפען מיט א שווערען שלאף. די ערשטע נאכט אונטער א דיקטאטור. ווי לאנג וועט זי אנהאלטען?

א. ש.

די קאנפערענץ פון ענגלאנד מיט איהרע דאמיניעס
וואס קען מען פון איהר ערווארטען

„די קאנפערענץ אין אטאווא מוז ברענגען גינסטיגע רעזולטאטען, אין געגענפאל איז פערהאן א געפאהר, אז די בריטישע אימפעריע זאל זיך צופאלען".

די דאזיגע ווערטער האט געזאגט דער ענגלישער דאמיניען-מיניסטער טאמאס אין ענגלישען פארלאמענט נאך מיט א חודש צוריק, דאס בעווייזט, וואס פאר א גרויסע בעדייטונג ענגלאנד שרייבט צו דער קאנפערענץ, וועלכע האט זיך איצט געעפענט אין אטאווא.

אין פראגראם פון דער קאנפערענץ צווישען ענגלאנד מיט איהרע קאלאניעס און דאמיניעס פיגורירען אויסשליסליך עקאנאמישע און פינאנציעלע פראגען. קודם כל האנדעלט זיך וועגען קאנסאלאדירען די האנדעלס-בעציהונגען צווישען די בעזונדערע טיילען פון דער בריטישער אימפעריע.

אין דערזעלבער מאס, וואס עס האט זיך פערגרעסערט די פאליטישע זעלבסטשטענדיגקייט פון די דאמיניעס, האט אנגעהויבען שוואכער צו ווערען דער עקאנאמישער צוזאמענהאנג צווישען זיי און דער מעטראפאליע.

שוין אויף דער קאנפערענץ, וואס איז פארגעקומען אין יאהר 1930 אין לאנדאן איז שארף געשטעלט געווארען די פראגע וועגען פערפעסטיגען דעם עקאנאמישען צוזאמענהאנג צווישען ענגלאנד און איהרע דאמיניעס און פערקעהרט. ס'איז בעשלאסען געווארען דאמאלט צו רופען א נייע קאנפערענץ ספעציעל געווידמעט די עקאנאמישע פראגען.

די דאזיגע קאנפערענץ האט זיך איצט געעפענט אין אטאווא, זי קומט שוין אבער פאר ביי גאנץ אנדערע בעדינגונגען, קודם כל האט זיך פערשארפט דער וועלט-קריזיס, צווייטענס האט נאך מיט צוויי יאהר צוריק אין ענגלאנד עקזיסטירט דער פרייער האנדעל און איינע פון די הויפט-סיבות, צוליב וועלכע ס'איז אין יאהר 1931 נישט געקומען צו קיין הסכם, איז טאקע געווען דאס, וואס ענגלאנד האט נישט געוואלט אנווענדען דעם פראטעקציאנס-סיסטעם, וועלכען ס'האבען פערלאנגט עטליכע דאמיניעס.

איצט איז ענגלאנד דערמיט אויך מסכים און צו א הסכם וועט קענען לייכטער קומען. אויב ענגלאנד האט זיך אליין ארומגעשטעלט מיט א צאל-באריערע וועט זי קענען מאכען געוויסע הנחות איהרע דאמיניעס, וואס ליגען איבער'ן ים. איין שריט דערצו איז שוין געמאכט געווארען. דער אריינפיהר פון כחורות פון די דאמיניעס קיין ענגלאנד, דארפען נישט צאהלען די 10 פראצענט צאל, וואס דארפען צאהלען אנדערע מלוכות. די הנחה איז נאר חל ביז חודש נאוועמבער, מיט דער אויסרעכנונג, אז די איצטיגע קאנפערענץ וועט דערפאר מיט עפעס בעלויגען ענגלאנד.

אויב ס'וועט נישט קומען צו א הסכם וועט ענגלאנד פון נאוועמבער אן אויך אנהויבען צו נעהמען פון די דאמיניעס די 10 פראצענט צאל.

אין ענגלאנד דערלאזט מען אפילו נישט דעם געדאנק, אז די קאנפערענץ וועט זיך נישט איינגעבען, ענגלאנד האט אפגעלעגט אלע האנדעלס-אונטערהאנדלונגען מיט אויסלענדישע מלוכות ביז נאך דער קאנפערענץ אין אטאווא. א געוויסע צייט האט מען פיל גערעדט וועגען איבערלאזען אינעווייניג אין דער אימפעריע דעם פרייען האנדעל, אבער דער פלאן פון פערוואנדלען די אימפעריע אין איין עקאנאמישען ארגאניזם לאזט זיך שווער פערווירקליכען. שווער איז אבער אויך דער צווייטער פלאן וועגען א צאל-הנחה-טאריף פאר די דאמיניעס. ענגלאנד האט נישט די מעגליכקייט איינצושליסען אלע אגראר-פראדוקטען פון די דאמיניעס, וועלכע קענען זיך נישט אזוי ארום עקאנאמיש איזאלירען פון דער אויסערליכער וועלט. פון דער צווייטער זייט מוז דאך אויך ענגלאנד האבען אנ'אויסערליכען מארק פאר די פראדוקטען פון איהר אינדוסטריע. דערביי זענען עטליכע דאמיניעס דעצידירט צו פערטיידיגען זייערע יונגע אינדוסטריען אקעגען דער קאנקורענץ פון ענגלאנד גופא.

ביי אזעלכע בעדינגונגען וועלען די בעשלוסען פון דער קאנפערענץ קענען זיין נאר טייל-ווייזע. ס'ענטשטעהט די פראגע וועגען איינפיהרען א „קוואטע" אויף אריינצופיהרען אגראר-פראדוקטען פון די דאמיניעס קיין ענגלאנד. גלייכצייטיג וועט פערגרעסערט ווערען דער איינפוהר פון ענגלישע אינדוסטריע-פראדוקטען אין די דאמיניעס.

אין פראגראם פון דער קאנפערענץ געהען נאך אריין פראגען פון וואלוטע און עמיגראציע. די דאזיגע פראגע האט א בעזונדערע בעדייטונג. ס'איז אפילו ארויסגעשוואומען די פראגע וועגען ארויסגעבען א בשותפות'דיגע מטבעה, אבער דערפון איז דערווייל גארנישט געווארען.

Dr. Z. Rakowski

ספעציאליסט פאר אויערן-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקהייטען

11-טען ליסטאפאד 9

(קאנסטאנטינער), טעלעפאן 127-81

שפרעכשטונדען פון 10—12 און 5—7, נעהמט אויך אן און לעטשניצע זגערושער 17 פון 10—12.

ספארט=בעוועגונג

ספארט און אקסטענקאמף

דער חילוק צווישן ספארט און אקסטענקאמף ליגט אין דעם אונטערשיד צווישן קולטור און ברוטאליטעט. ספארט איז פאפולער און פערשפרייט איבער דער גאנצער קולטור-וועלט, דאגעגען אקסטען-קאמף איז פערבאטען, לעצטענס אויך אפילו אין שפאניען.

ספארט, אין וועלכער עס איז פארם, איז מעהר א שפיל, ווי א פערמעסטונג פון פיזישע כחות. אזוי פערשטעהט מען עס ביי אלע קולטור-פעלקער. „זיגער" און „בעזיגטע" לעבען אין בעסטער פריינדשאפט און איינער צום אנדערען טראגט נישט קיין געפיהל פון האס. עס איז נאך ביז איצט נישט געהערט געווארן, אז אין לענדער פון הויכער ספארט-קולטור, זאלען אויף די שפילפלעצער פארקומען געשלעגען צווישן די ספארטלער אדער צושויער.

ביי אונז אין פוילען איז ספארט פערוואנדעלט געווארען אין אקסטען-קאמף. דער אקס מוז בעזיגט ווערען, און לאזט ער זיך נישט און בעזיגט ער דעם טארעאדאר, דערשלאגען איהם די צושויער, ווייל ער האט געהאט די אקסישע חוצפה נישט צו לאזען זיך בעזיגען.

דאס זעלבע בעמערקט מען לעצטענס אין פוילען אויף די ספארט-פלעצער, וואו עס ברעכען אויס אפטע געשלעגען צווישן די ספארט-לייט און געוועהנליך ברעכט אויס א כעס ביי די צושויער, ווען זייערע „פאוואריטען" ווערען בעזיגט. אין א גאנצע רייה שטעדט האט מען אין דער לעצטער צייט געהאט צו פערצייכנען געשלעגען צווישן שפילער און אנפאלען פון המון אויף ספארטלער, בפרט ווען איין צד איז געוועזן א יודישער ספארט-קלוב. אזוי זענען אויך פערגאני-

גענעם זונטאג געווארן איבערפאלען די מיטגלידער פון „דרור" אין מטרי, וועלכע מען האט געשלאגען ביז'ן בלוט.

עס האט תמיד געהייסען, אז ספארט ברענגט פערברודערונג צווישן פעלקער און פערשטארקט די געפיהלע פון דזשענטעלמענערישער העלדישקייט. דערווייל איז דער רעזולטאט פון ספארט ביי אונז א פערקעהרטער. דאס דערמאהנט אין א מעשה'לע:

אין א געוויסער אמעריקאנער שטאדט האבען זיך אפגעשמועסט יודען מיט קריסטען וועגען לעבען בשלום. זונטאג האט דער ראבינער געדרש'ענט אין קלויסטער וועגען מענשען-ליבע מיט פסוקים פון ישעיהו הנביא וועגען וגר זאב אם כבש, ווי אזוי דאס שעפעלע דארף לעבען בשלום מיטן וואלף, און אזוי האט געדרשנט שבת דער פאסטאר אין שוהל.

צווישען יודען און קריסטען איז געווען אפגעמאכט, אז ווען עס וועט זיך פערגליסטען די קריסטען צו מאכען א פאגראם אויף יודען, זאלען זיי פריהער אנפרעגען ביי די יודען, צי זיי זענען מסכים דערויף. די קריסטען האבען דעם אפמאך געהאלטען א געוויסע צייט, ביז איינמאל האט זיך זיי פערגליסט צו מאכען א פאגראם אויף יודען. האט מען אנגעפרעגט די יודען צי זיי ווילען האבען א פאגראם. האבען זיי געענטפערט, אז זיי ווילען נישט, איז דער צווייטער צד געווארען אויפגערעגט, הלמאי דאס שעפעלע לאזט זיך נישט פעיצוקען פון וואלף און דער אפמאך איז בטל געווארען.

אזוי זעהט אויס, איז אויך מיטן ספארט ביי אונז. מען בעדארף טאקע זיך אויפפיהרען ספארט-מעניש, אבער יודען טארען נישט זיין קיין זיגער...

דער טעניס=קאמף וועגען דייוויס=בעכער אמעריקא—דייטשלאנד

דעם קאמף האט געוואונען אמעריקא

מייסטערשאפט פון „א"=קלאס אין לאדז

די קאמפען אין „א"-קלאס הויבען זיך שוין אן צו קריסטאליזירען, מיט איהר זיג איבער ס. ק. ס. האט ל. ט. ס. ג. זיך כמעט פערזיכערט די מייסטערשאפט פון לאדז, דערפאר איז נישט קלאר די סיטואציע וועגען ארויספאלען פון דער „א"-קלאס. „הכח" געווינט אין די לעצטע עטליכע מעטשען קיין איין פונקט נישט. אזוי אז זי האלט זיך ביי די 10 פונקטען, פ. ט. צ. איז מיט איהר נעכטיגען זיג איבער די טוריסטען דערגאנגען ביז 7 פונקטען, אויב ס'זאל ווייטער אזוי גיהן זענען די הארסקאפען פאר דער יודישער מאנשאפט זעהר נישט קיין פרעהליכע. די לעצטע רעזולטאטען פון די „א"-קלאסיגע מאנשאפטען זענען פאלגענדע:

ל. ט. ס. ג. — ס. ק. ס. 0:2 (0:0)

ס. ק. ס. איז געווען א גלייכער געגנער פון דעם מייסטער, אין דער ערשטער העלפט האבען די סטזשעלצעס אפילו געהאט די אויבערמאכט, זייער אנגריף האט זיך אבער הינטער דעם געגנערס טויער נישט געקענט דעצידירען אויף קיין שום אקציע, הגם ס'זענען געווען זעהר פיל געלעגענהייטען.

דערפאר האבען די געלעגענהייטען ביים טויער אויסגענוצט די ווייס-שווארצע און אזויארום דערגרייכט דעם זיג.

אין אלגעמיין איז דאס שפילען געשטאנען אויף א נידריגער מדרגה.

ו. ק. ס. — הכח 2:3 (0:1)

דער רעזולטאט פון דאזיגען מעטש שפיגעלט בשום אופן נישט אפ די כוחות פערהעלטנישען פון די שפילענדע מאנשאפטען, „הכח" איז געווען דער בעסערער מאנשאפט אין אלע הינזיכטען און דאך דעם מעטש פערשפילט, הגם ביידע מאנשאפטען זענען ארויסגעטרעטען מיט רעזערוו-שפילער איז דאך דאס שפילען געווען אינטערעסאנט פון אנהויב ביזן סוף.

די הויפטסיבה פון פערשפילען דורך דער יודישער מאנשאפט איז געווען דער שוואכער רעזערוו-טויערמאן, וועלכער האט פערטרעטען ראפאפארטען, וואס איז גערופען געווארען צו מיליטער-איבונגען, דער דאזיגער טויערמאן האט פערשולדיגט 2 טויערען.

די מיליטערישע מאנשאפט איז געווען פיל שוואכער, אבער ערפאלגרייכער פון „הכח" הינטער דעם געגנערס טויער. דאס ערשטע טויער איז געווען א זעלבסטמערדעריש צוליב מלינארסקי'ן, וועלכער איז אבער נישט שולדיג אין דעם פאטאלען קאפ-שטויס. די טויערען פאר „הכח" האבען דערגרייכט אין דער צווייטער העלפט — זיסמאן און קאהאן פון א שטראף-שטויס. די בעסטע ביי „הכח" זענען געווען קאהאן און סעגאל I.

ריכטער ה' בושאקעווימש.

פ.ט.צ. — טוריסטען 0:3

גאנץ אונערווארטעט האט די שוואכע פאבריצאניצער מאנשאפט געשלאגען די שטארקע טוריסטען מיט אזא הויכען רעזולטאט, דער דאזיגער מעטש איז געשטאנען אויף א גאר נידריגער מדרגה.

מייסטערשאפט פון „ב"-קלאס אין לאדז

מכבי מייסטער פון דער לאדזער גרופע

אין „בע" קלאס האבען קאנקורירט צווישען זיך וועגען דער מייסטערשאפט פון דער לאדזער גרופע אין דער דערמאהנטער קלאס: „זיעדנאטשאנע" און די יודישע „מכבי", די נעכטיגע צוויי מעטשען פון די דאזיגע מאנשאפטען האבען איבערגאנצען אויפגעקלערט די סיטואציע.

זיעדנאטשאנע — טור 1:4

זיעדנאטשאנע האט זיך בעמיהט דעם דאזיגען מעטש צו געווינען, ווייל אויב „מכבי" וואלט פערשפילט מיט „סאקאל" (זגערש) וואלט נאך געווען א ספק וועגען דער מייסטערשאפט אין דער לאדזער גרופע, די פאבריקס-מאנשאפט האט דערבער געשפילט מיט גרויס אמביציע און געוויזען הויך צו שלאגען „טור".

„מכבי" — סאקאל (זגערזש) 1:6

אויך מכבי איז צוגעטרעטען צו דעם מעטש מיט דער גאנצער מאס אמביציע, ווילען צום געווינען און אויסנוצען איהרע קענטשאפטען, האט טאקע די יודישע מאנשאפט געוויזען א קאנצערט-שפילען און פשוט פאגראמירט איהר געגנער, די יודישע מאנשאפט האט קיין איין שוואכען פונקט נישט געהאט.

נאך דעם נעכטיגען זיג איז „מכבי" געווארען מייסטער פון דער לאדזער גרופע און וועט איצט צוטרעטען צו שפילען מיט די מייסטער פון די איבריגע גרופעס וועגען דער מייסטערשאפט פון „בע"-קלאס, „מכבי" האט אזויארום צו שפילען מיט קרושענדער (פאביאניץ) „לעגיא" (טאמאשאוו) און פראסנא (קאליש).

מייסטערשאפט פון „צע"-קלאס אין לאדז

„שטערן" — ק.ק.ס. (קאנסטאנטין) 0:1

נעכטען האט זיך די יודישע ארבייטער מאנשאפט געטראפען אין א רעוואנזש-מעטש וועגען דער גרופען מייסטערשאפט פון דער לאדזער „צע"-קלאס מיט איהר שטארקסטען קאנקורענט צום מייסטער-טיטול פון דער גרופע „ק.ק.ס. פון קאנסטאנטין.

די יודישע מאנשאפט, וועלכע געהט פון נצחון צו נצחון און האט אלע איהרע געגנער זיכער געשלאגען, האט ווידעראמאל אפגעהאלטען א פערדינטען נצחון אין רעזולטאט פון 0:1. די יודישע מאנשאפט, האט פיל איבערגעשטיגען איהר געגנער, עס האט איהר אבער פערפאלגט א אויסערגעוועהנליכער „פעך-אויסער" א גאנצער רייה זיכערע פאזיציעס האט „שטערן" אויך נישט אויסגענוצט א שטראף-שטויס.

דאס זיגרייכע טויער פאר דער יודישער מאנשאפט, האט ערצילט לובלינסקי. א דאנק דעם נצחון האט זיך די יודישע ארבייטער-מאנשאפט „שטערן" קאנקורענצלאז פערזיכערט דאס ערשטע ארט אין איהר גרופע, האבענדיג נאך 6 מעטשען 11 פונקטען מיט א טויערען פערהעלטניש פון 2:14.

סטזשעלעצקי (אלעקסאנדער) — מארגענשטערן 1:12

הוראגאו - יארדאן 0:5

יוטזשענקא — סטזשעלעץ (זגערזש) 2:2

תל-ח' — רודער-ספארט-פעראיין 2:2

די יודישע מאנשאפטען אין ווארשא

גוויאזדא — סקארא 0:2

מכבי — זניטש 1:0

„גוויאזדא" האט ווייטער שאנסען צו דערגרייכען די מייסטערשאפט פון ווארשא אין „א"-קלאס.

לאדזער ווידזעוו אין ווילנא

די לאדזער ארבייטער-מאנשאפט „ווידזעוו" האט שבת און זונטאג געווילט אין ווילנא, וואו זי האט געשפילט 2 מעטשען מיט פאלגענדע רעזולטאטען:

ווידזעוו — מכבי (ווילנא) 2:2

1 פולק (ווילנא) ווידזעוו 1:5

דער בעריהמטער פראנצויזישער ציקליסט לעדיוק

פיהרט אן מיט דער גרויסער אימפרעזע „טור-דע-פראנס"

נעכטיגע ליגע=מעטשען

קראקאוויא — טשארני 1:4 (0:0)

רוך — גארבארניא 0:2 (0:1)

וויסלא — ווארשאוויאנקא (0:6)

פאלאניא — 22 פולק 1:2

ספארט-שפילען אין לאדז

נעכטען האבען זיך פערענדיגט די מייסטערשאפטען אין קויש-באל פאר פרויען און מענער. מייסטער איז געווארען י.ק.פ., אין האונא—ל.ק.ס.

ק. ס. זשידעניצע אין לאדז

דאנערשטאג וועט אין לאדז שפילען מיט דער ליגע-מאנשאפט פון ל.ק.ס. די אויסגעצייכענטע מאנשאפט פון טשעכיען ק. ס. זשידעניצע.

אינערליכע לייכטאטלעטישע מייסטערשאפטען פון „מכבי"

נעכטען זענען אויפ'ן פלאץ פון וו.ק.ס. פארגעקומען די אינערליכע לייכטאטלעטישע מייסטערשאפטען פון „מכבי" מיט פאלג. רעזולטאטען:

ווייטשפרונג

1) יארזיא פיין 4,34, 2) נינא שטיין 4,22 3) אלא פיין 4.–

ווייט-שפרונג פון ארט

1) יאדזיא פיין 2,08, 2) נינא שטיין 2,06.

הויך-שפרונג פאר מענער

1) סעוו. לאופער 1,30, 2) סטאנ. יאקאבסאן 1,20.

הויך-שפרונג מיט פאלויף פאר מענער

1) פ. פראשאווסקי 1,50, 2) סעוו. לאופער 1,45, 3) סט. יאקאבסאן 1,40.

50-מעטער-לויף פרויען

1) נינא שטיין 7,6 2) יאדזיא פיין 8,2 3) סאלא ליבפעלד 8,2.

80-מעטער-לויף פרויען

1) נינא שטיין 11,3 2) אלא פיין 11,5 3) סאלא ליבפעלד 11,8.

60-מעטער-לויף מיט אויסגלייך – מענער

1) פ. פראשאווסקי 7,7 2) סט. יאקאבסאן 7,8.

דיסק-ווארפען מיטביידע הענד

1) פאלא יאקאבסאן 34,06, 2) עסטא לעווקאוויטש 33,57, 3) נינא שטיין 32,60.

יונגלעך-גרופע ביז 16 יאהר

60 מעטער-לויף

1) ט. קארע 8,5 2) קאראבאנאוו 8,8 3) רובין 8,9

300-מעטער-לויף

1) ט. קארע 46,6 2) קאראבאנאוו

הויך-שפרונג

1) ציבאמאן 1,35 2) קאראבאנאוו 1,30 3) רובין.

די לעגענדע טעאדאר הערצל

.2

דריי וואכען האט הערצל זעהר אנגעשטרענגט געארבייט: „איך האב געשריבען גייענדיג, שטייענדיג, ליגענדיג, אין גאס, עסנדיג מיטאג און ביי נאכט". דעם 6-טען יוני 1895 י. איז פארטיג געווארן דער ערשטער נוסח פון „מדינת היהודים".

הערצל האט געפאדערט „מ'זאל אונז געבען רעכט אויף א שטיקעל פון ערד-קוגעל, וועלכער זאל ענטשפרעכען די גערעכטע פאדערונגען פון יודישען פאלק, די יודישע רעפובליק וועט זיין א נייטראלע. קודם כל וועלען אהינגיין די ארימע מאסען מכשיר זיין די ערד, בויען הייזער, מאכען וועגען, און אויפשטעלען בריקען. די דאזיגע ארגאניזירטע בעוועגונג וועט צוציהען צו זיך אויך דעם מיטעל-שטאנד און אפילו די גבירים".

צו בעקומען דעם גרונט-קאפיטאל האט הערצל געזעהן דריי מקורים: די יודישע מיליאנערען, דער מיטעלשטאנד און די נאציאנאלע אקציעס

ער איז געווען געגען וועלכע נישט איז מעקלעריי און פערמיטלונג פון באדען. ס'איז נישט קיין צופאל, אז דווקא ער האט פערווירקליכט די שאפונג פון „קרן קימת לישראל".

אין יולי 1895 האט זיך הערצל אומגעקערט צוריק קיין וויען, וואו ער ווערט דער רעדאקטאר פון דער ליטעראַרישער אפטיילונג אין דער „נייע פרייע פרעסע". ער האט געבעטען ביי זיינע ארויסגעבער, אז זיי זאלען איהם דערלויבען זיך צו בענוצען מיט דער צייטונג אלס ארגאן פאר זיין אידעע און פארן ציוניזם. מ'האט איהם אבער אין דעם אפגעזאגט.

הערצל האט זיך געזעהן מיט עטליכע פיהרער פון ווינער יודענטום. דער איינציגער, וועמען ער האט געוואונען פארן ציוניסטישען געדאנק איז געווען דער אויבערראבינער דר. גידעמאן. הערצלס ווערטער האבען אויף איהם געמאכט זייער א שטארקען איינדרוק און ער האט געזאגט: „אפשר ביזטו צו אונז געשיקט געווארען פון הימעל"...

אין פאריז האט זיך הערצל בעגעגענט מיטן אויבערראב'נער פון פראנקרייך, וועלכער ווערט זייער בעגייסטערט פון הערצעלס אידעע. הערצלס הויפט-גאחון אין פאריז איז אבער געווען דאס וואס ער האט לייכט בעקומען אויף זיין זייט ד"ר מאקס נארדויען.

דורך מאקס נארדוי האט זיך הערצל אין לאנדאן בעקענט מיט ישראל זאנגוויל, וועלכער האט אין עיקר מסכים געווען מיט הערצלס געדאנק.

זייענדיג אין לאנדאן האט הערצל גערעדט פאר „מכבי", א פעראיין פון אינטעליגענטע יודען אין ענגלאנד. א גאנצע ריי בעקאנטע יודישע פערזענליכקייטען אין ענגלאנד זענען צו איהם צוגעשטאנען.

אין א געהויבענער שטימונג, פול מיט האפנונג האט זיך הערצל אומגעקעהרט קיין וויען, וואו ס'איז דעם 14-טען פעברואר 1896 דערשינען זיין „מדינת היהודים".

דאס דערשיינען פון דאזיגען בוך האט ארויסגערופען א גרויסע אומצופרידענקייט. דער גרעסטער טייל לייענער האבען געהאלטען דעם מחבר פאר א משוגענעם. דאך אבער האבען זיך איינגעפונען אזעלכע יחידים, וואס זענען געווען זייער צופרידען און האבען געדאנקט הערצלען פאר זיין בוך. פארשטעהער פון די יודישע סטודענטען-ארגאניזאציעס אין עסטרייך האבען געשיקט זייערע ברכות צו זייער פיהרער. פון ענגלאנד, פראנקרייך, רוסלאנד, גאליציען, אונגארן און אפילו אין דייטשלאנד האבען זיך דערהערט בעגייסטערטע אפרופען און הערצל האט בעקומען אנערקענונגס-בריף אין וועלכער ס'ווערט געזאגט, אז די יודען זענען מוכן ומזומן גלייך צו גיין נאך איהם.

אין איירא פע איז דאן געווען אנגענומען צו האלטען, אז טערקיי געפינט זיך אין א לאגע פון א „קראנקען מענטשען". אט דאס האט געבראכט הערצלען צום געדאנק, אז מיט געלד וועט מען „קענען בעקומען טערקיי", אז זי זאל איהם אונטערשטיצען אין זיינע אידעען און שטרעבונגען. דייטשלאנדס השפעה אין טערקיי איז דאן געווען זייער גרויס און הערצל האט געזוכט א דאנק אט דער השפעה צו געווינען טערקיי. דעם וועג ווי אזוי צו געווינען דייטשלאנדס אונטערשטיצונג האט הערצל געפונען גאנץ צופעליג. דער גלח וויליאם העכלער, וואס האט פערנומען א שטעלע אין לאנדאן האט פערנעלייגט הערצלען, אז ער זאל זיך זעהן מיט'ן גרויסען דוכס פון באדען און מיט ווילהעלם. אין א פאר טעג ארום, נאך דעם טויט פון באראן הירש איז הערצל אויפגענומען געווארען דורך דעם באדענער פירשט, וועלכער האט שוין פאר דער אודיענץ גערעדט מיטן קייסער וועגען הערצל „מדינת היהודים".

פרידריך, דער פירשט פון באדען, האט זיך בעצויגען מיט אינטערעס און סימפאטיע צו הערצלס רייד און נאך א האלב-שעהדיגען שמועס מיט אים האט שוין הערצל געוואוסט, אז ער האט אין דוכס פערזאן א גוטען פריינד.

אין דער זעלבער צייט האט זיך הערצל בעקענט אין ווין מיט איינעם א פאליאק מיכאל גיבלינסקי, וועלכער איז געווען איינער פון סולטאנס ידידים, הערצעל האט איהם געמאכט פאר איינעם פון זיינע הויפט-מיטהעלפער.

דעם 15-טען יוני 1896 י. האט הערצל אין דער בעגלייטונג פון גיבלינסקי זיך געלאזט קיין קאנסטאנטינאפאל. נישט קוקענדיג אויף דער גרויסער מיטהילף פון גיבלינסקי איז הערצל אויפגענומען געווארען נאר ביי די מיניסטארען — צום סולטאן אליין האט ער נישט געקענט צוקומען. אנשטאט אויפצונעמען הערצלען אויף אן אודיענץ האט דער סולטאן, כדי ארויסצווייזען זיין אנערקענונג און פעראינטערעסירונג זיך בעגנוגענט מיט געבען הערצלען אן ארדען פון ערשטען ראנג. גיבלינסקי, וועלכער איז אויפגענומען געווארען דורכ'ן סולטאן האט געבראכט הערצלען די תשובה, אז דער סולטאן האט נישט בדעה צו פערקויפען ארץ-ישראל. נאר מ'קען טראכטען וועגען אן אנדער טעריטאריע.

אפשר וועט הערצל מסכים זיין צו פערבייטן ארץ-ישראל אויפ'ן אינזעל קיפר אדער סאלאניקי? הערצל האט זיך אומגעקערט קיין וויען מיט דעם געפיל, אז כאטש ער האט דעם מאל נישט מצליח געווען, דאך האט ער דעם איינדרוק, אז פאר געלד וועט טערקיי פערקויפען אלץ, וואס מ'פאדערט פון איהר.

הערצל איז אוועקגעפאהרען קיין לאנדאן זייענדיג איבערצייגט, אז ער איז דער פערמיטלער צווישען דעם יודישען קאפיטאל און טערקיי'ס פאדערונגען. די פריינד זיינע האבען אבער נישט ארויסגעוויזען אזא התלהבות, אויף וועלכער ס'האט זיך גערעכנט הערצל.

זיין בעזוך אין לאנדאן האט אבער געהאט גרויס דערפאלג ביי דער מאסע — אויף דער גרויסער מאסען-פערזאמלונג, וואס איז פארגעקומען אין איסט-ענד איז ער אנערקענט געווארען אלס דער מנהיג פון די יודען.

פון לאנדאן איז הערצל געפאהרען קיין פאריז, וואו ער האט זיך דעם 18-טען יולי געזעהן מיט באראן עדמונד ראטשילד.

דער באראן האט אבער נישט געהאט קיין געדולד אויסצוהערען הערצלס גרויסען רעפעראט ביז'ן סוף, ווי אויך האט דער באראן נישט געגלויבט אין טערקייס הבטחות און האט נישט געהאט קיין שטארקען רצון צו אונטערשטיצען הערצלס פראגראם.

הערצל איז אבער נישט ביי זיך נישט אראפגעפאלען. ביז איצט האט ער זיך בעמיט צו דערגרייכען זיין ציל דורך „קאמבינאציעס" פון דיפלאמאטישע אונטערהאנדלונגען און יודישען קאפיטאל — און דאס האט זיך איהם נישט איינגעגעבען, איצט האט הערצל בעשלאסען צו ארגאניזירען די ברייטע יודישע מאסען. ער האט ארויסגעשיקט אן'אויפרוף איבער גאנץ איירא פע, און זיין רוף האט געפונען דעם געהעריגען אפקלאנג, אין יעדען לאנד האבען זיך איינגעפונען איינציגע מיטהעלפער, וועלכע האבען געפיהרט אן'אגיטאציע און מעורר געווען דעם עולם זיך אנצושליסען צו הערצלס געדאנק.

אבער אחוץ דער פערבינדונג מיט אלע זיינע געהילפען האט הערצל אויך פארטגעזעצט זיין דיפלאמאטישע טעטיגקייט. אין קארלסבאד האט ער זיך בעגעגענט מיט דעם בולגארישען פירשט פערדינאנד, דורך וועלכען הערצל האט גערעכנט אויפגענומען צו ווערען ביים רוסישען קייסער, וועלכער זאל משפיע זיין אויפ'ן סולטאן. פערדינאנד האט זיך בעצויגען צו הערצלען מיט גרויס ליבע און הארציגקייט.

מיט גיבלינסקין, וועלכער איז דאן געווען אין קאנסטאנטינאפאל איז הערצל געשטאנען אין א פעסטער פערבינדונג. אויב הערצל וואלט דאן געהאט די נויטיגע מיטלען, וואלט ער ביים סולטאן אלץ געקאנט בעקומען, ווייל — ווי ס'האט געזאגט איינער פון זיינע מיניסטארען — „ס'איז איהם געלעגען דער מעסער אויפ'ן האלז". די יודישע מיליאנערען האבען זיך אבער דערצו בעצויגען זעהר גלייכגילטיג.

(ווייטער מארגען)

דער אמת וועגן ארץ-ישראל

פון חיים נחמן ביאליק.

די לייכטע פראפאגאנדע האט פערלוירען איהר איינפלוס. מען לאזט נישט איבער קיין איינדרוק אויף די מוחות פון מענשען. איך בין אליין געווען ביי צוויי אדער דריי פערזאמלונגען פון אט דעם סארט. איך בין געווען ביי א ציוניסטישער קאנפערענץ אין קאוונע, ביי א צווייטען מיטינג אין אנטווערפען, און ביי אן'אנדער פערזאמלונג צום פופציגסטען געבורטסטאג פון דער חובב ציון, און איך האב געפיהלט, אז איך בין געווען צווישען אומבעוועגליכע מענשען. קיין סימן פון לעבען האב איך נישט בעמערקט. די רעדנער האבען געפיהלט, אז קיינער הערט זיך נישט צו צו זייערע ווערטער. מען גלויבט זיי נישט.

די געוועהנליכע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג האבען פערלוירען זייער ענטוזיאזם. נישטא קיין גלויבען. עס איז גארנישט נישט געבליבען. איך גלויב, אז זיי טוען דאס בעסטע וואס זיי קענען, אבער עס פעהלט דאס פיינע געפיהל. עס פעהלט דער הויכער גייסט, וואס דארף בעגלייטען יעדע בעשטייערונג. עס פערשטעהט זיך אז א מענש וואס גיט איין מאל און א צווייטען מאהל, וועט שוין געבען א דריטען און א פערטען מאהל. ער וועט געבען וועהניגער, נאר ער וועט געבען. אבער אזעלכע בעשטייערונגען קענען נישט העלפען אין דער אויפבויאונג פון לאנד.

איך האב זיך מיאש געווען פון דעם געדאנק, אז ארבייטען אויף אזא אופן וועט ברענגען די רעזולטאטען, וועלכע מיר ווילען דערגרייכען.

מיין איינדרוק איז, אז איצט איז די צייט צו בייטען די ביז-איצטיגע מעטאדע פון גלות-ארבייט. וואס עס איז געבליבען פון ציוניסטישען גייסט אין גלות איז זעהר וועהניג אנצוהאלטען דעם גלויבען און אנצוריגען דעם חשק פאר ארץ-ישראל. איך מוז זאגען, אז אפילו די, וואס זענען דורכגעקנאטען מיט ליבע פאר ארץ-ישראל, אז אפילו זיי הויבען אן צו פערלירען זייער גלויבען און זיי צוגעהען זיך אויף פערשידענע דרכים. זיי געהען נישט ווייטער. זיי האבען זיך אפגעשטעלט דארט, וואו זיי זענען געשטאנען, און דאס וואס זיי טוען פאר'ן ציוניזם איז א מינימום.

איך האב גערעדט מיט פערשידענע ציוניסטישע גרופעס, און אלע זענען מסכים, אז מיר געהען ארונטער. און אויב עס זאל אזוי אנהאלטען צוויי אדער דריי יאהר, איז פערהאן א געפאהר, אז עס זאל נישט בלייבען אפילו א מנין מענשען פאר א ציוניסטישער פערזאמלונג. עס וועט נישט זיין קיינער וואס וועט זיך פעראינטערעסירען אין דעם וואס הערט געטאן אין ארץ-ישראל. און די גאנצע בעוועגונג וועט אפשטארבען, ווייל עס וועט איהר פעהלען אחרות. עס איז דערפאר זעהר נויטיג צו שטודירען מעטאדען, וואס וועלען זיך צופאסען צו דער איצטיגער לאגע. צו די איצטיגע צייטען. ווי אזוי צו שאפען א טיפערען אינטערעס פאר ארץ-ישראל צווישען די יודישע מאסען, און בעגייסטערען זיי און האבען דאס געפיהל פאר ארץ-ישראל, איז פון אויסערגעוועהנליכען גייסטיגען ווערט.

איך וויל דא נאך דערצעהלען וועגען דער ראלע, וואס די יודישע פרעסע שפילט בנוגע ארץ-ישראל. דער איינדרוק, וואס די יודישע מאסען קריגען דורך דער פרעסע, איז זעהר אפט פאלש. דאס געוועהנליכע, טאג-טעגליכע, נארמאלע לעבען פון דעם יוד אין ארץ-ישראל ווערט קיינמאל נישט ריכטיג בעשריבען אין דער יודישער פרעסע. אויב עס ערשיינט יא אזא ארטיקעל, איז עס אפט געשריבען אין א בעגאלען סטיל, וואס גיט קיינמאל נישט א ריכטיג בילד. די נייעס-בעריכטען זענען מעהרסטענס נאר וועגען סענסאציעס אין איין פארמע אדער א צווייטער. אדער מען אונטערשעצט אדער מען איבערשעצט. אלע די בעריכטען, גוטע אדער שלעכטע, שאפען א פאלשען איינדרוק.

אויב עפעס געשעהט אין ארץ-ישראל וואס איז אויסערגעוועהנליך, נעהמען מיר דאס אן ווי עס איז, און מיר פערגעסען אן דעם. מיר פערשטעהען, אז זאכען מוזען געשעהען פון צייט צו צייט, אבער אויב אזא פאסירונג געהט ארויס פאר דער וועלט און עס ווערט אוועקגעשטעלט מיט גרויסע אותיות, מאכט עס באלד דעם איינדרוק, אז דאס לעבען אין ארץ-ישראל בעשטעהט פון לויטער סענסאציעס. למשל, אויב מען האט ערגעץ געפונען א באמבע, ווערט נישט בעריכטעט, אז די באמבע איז געפונען געווארען אין איין ארט אין ארץ-ישראל, דאס שאפט באלד דעם איינדרוק, אז גאנץ ארץ-ישראל איז פול מיט באמבעס.

אדער עס טרעפט זיך אמאל, אז אן'איינוואוינער פון ארץ-ישראל ווערט דער'הרג'עט, יעדער איינער ווייסט, אז פאליטישע מארדען ווערען בעגאנגען טעגליך אין בערלין, לאמיר זאגען, אבער מען נעמט עס אן פאר אומוויכטיג, אלס א טייל פון די געשעהענישען פון טאג. אבער אין ארץ-ישראל, אז מען געפינט איינעם טויט, ווייזט זיך אויס, אז דאס גאנצע לאנד ליגט אין שאטען פון טויט און די גרויסע יודישע מאסען אין גלות בלייבען מיט'ן איינדרוק, אז די קאמפען צווישען יודען און אראבער געהען אן שטענדיג און מען הערט נישט וועגען קיין זאך, אויסער באמבעס און טויטע קערפערס. דער יוד אין גלות קריגט בלויז סענסאציאנעלע נייעס פון ארץ-ישראל, און וועגען דעם נארמאלען לעבען ווייסט ער גארנישט.

מען מוז געפינען א רפואה פאר דער מכה. מען וואלט אפשר געדארפט גרינדען א צייטונג מיט'ן איינצעלנעם ציל, צו געבען בילדער פון פאלעסטינער לעבען; א צייטונג, וואס זאל נישט איבערשאצען און נישט אונטערשאצען נייעס. אפשר וואלט געווען נויטיג איינ'טענה'ן מיט די קארעספאנדענטען און לערנען זיי, ווי אזוי נייעס דארף ארויסגעגעבען ווערען. זיי מוזען קודם-כל פערשטעהן ווי אזוי צו קוקען אויף מענשען און זאכען אזוי, אז זיי זאלען בעקומען א ריכטיגען שטאנדפונקט. נאר אויף אזא אופן קענען מיר דינען דעם גרויסען אידעאל.

מען מוז אפווישען דעם איינדרוק, אז ווען א יוד קלייבט זיך קיין ארץ-ישראל, ריזיקירט ער מיט'ן לעבען און מוז זיין גרייט צו מאטערנישען און קאמפען. די מורא פאר'ן שטענדיגען ראנגלען זיך מיט דעם אראבער. די געפאהר פון ווערען דער'הרג'עט — אט דאס שרעקט אפ דעם גלות-יוד. דער יוד טראכט, אז אין גלות איז אים מאקע שווער. אז די געפאהרען זענען טאקע גרויס, אבער זיי זענען נישט אזוי שטענדיג ווי זיי זענען אין ארץ-ישראל. אזעלכע איינדרוקען וועגען ארץ-ישראל: איך האב געטראפען א יוד וואס וואוינט אין גלות און האט א פרדס אין ארץ-ישראל. ער האט שוין געגעסען די פרוכטען פון זיינע בוימער. ער האט מיר געוויזען די פרוכט און געזאגט צו מיר: דאס איז פון מיין מאראנץ-פלאנטאציע", און דערנאך האט ער מיך געפרעגט: „זאגט מיר, איך בעט אייך, איז מיין אייגענטום אין ארץ-ישראל עפעס ווערט."

האב איך איהם געענטפערט: „אוראי".

זאגט צו מיר דער יוד: „אבער וואס פארא בעווייזען האב איך, אז דאס לאנד איז מיינס? איך האב אפילו נישט קיין „דיר".

האב איך איהם געפרעגט: „איהר האט נישט קיין קושאן?"

„יא" – האט דער יוד געענטפערט—„איך האב יא א קושאן, אבער וואס קומט ארויס, אז ס'איז געשריבען אין העברעאיש?"

אט דאס אלץ איז דער רעזולטאט פון פאלשער אינפארמאציע און שלעכטער פראפאגאנדע: פון מאנגעל אין אמת'ע בילדער פון לעבען אין ארץ-ישראל.

היינט פרעכטיגע פרעמיערע!

די אויפטרייסלענדע סענסאציאנעל-ראמאטישע דראמע, וואס איז פול מיט עמאציעס און סענטימענטען, און שילדערט דאס הינטערקוליסען - לעבען פון די אמעריקאנער מיליאנערען און פון די העלדען פון דער אונטערוועלט א. ג.

די אומשולדיגע בעל-עבירה'ניצע

אין די הויפט-ראלען:
JEAN GRAWFORD, Clark Gable, Neil Hamilton.

הנחה-בילעטן גילטיג אהן בעגרענצונגען. דער זאל איז מעכאניש ווענטילירט און געקיהלט. — אנהויב 5.30 נאכמ., שבת און זונטאג— 2.30 בייטאג.

אויטאגענישע שווייסונגען
מעטאל-בעארבייטונגען
שלאסעריי-ארבייטען
מאשינען-טיילען
פיהרט אויס ביליג

J. REDER, Łódź
קאנסטאנטינער 11/13
(רוג זאכאדניא)

מיט מענדעלע מוכר ספרים אין קאַפּצאַנסק

(פון מיינע בעגעגענישען)

פון ראובן בריינין

אין חודש דעצעמבער 1905, בין איך געקומען קיין גענף, אין דער פראַנצויזישער שווייץ.

מינדעלע האָט זיך דאַן געהאַט בעזעצט אין דער שווייץ מיט זיין פאַמיליע.

אויף מאָרגען פאַרמיטאָג האָב איך זיך פערטיג געמאַכט צו בעזוכען דעם „זיידען".

איך האָב געפונען דעם זיידען ביי אַ גרויסען איינפאַכען טיש אויף וועלכען עס איז געלעגען אַנ׳אָנגעהויבענער מאַנוסקריפּט, — די טינט נאָך נישט אויסגעטרוקנט — און אַ פּאָר אַלטע מדרשים.

ווען איך האָב אָנגערופען מיין נאָמען האָט ער זיך געביטען אין געזיכט און האַלטונג. ער האָט מיך אויפגענומען ווי מען נעהמט אויף אַנ׳אַלטען פריינט, וועלכען מען ערוואַרט אומגעדולדיג.

— מיט גרויס פערגעניגען — האָט ער מיר געזאָגט, — איך האָב געלייענט אין די העברעאישע צייטונגען אייער שאַרפען ענטפער צו די יודישיס־טען, וואָס האָבען אויף מיר אויסגעטראַכט אַז איך האָב ערגיץ־וואו, אַדער ערגעץ־ווען געזאָגט, אַז איך בין נאָר פאַר יודיש, און אַז איך האָס העברע־איש. ווען איך זאָל אייך זאָגען אַז איך ליב העב־רעאיש מעהר ווי מיין לעבען, קענט איהר גלוי־בען, אַז דאָס זענען פוסטע ווערטער, כדי צו פער־שאַפען אייך אַביסעל נחת־רוח וועל איך אייך גע־בען דעם שטאַרקסטען בעווייז אַז איהר האָט רעכט געהאַט מיט אייער בעהויפּטונג, אַז איך האָב קיינ־מאָל נישט געקענט זאָגען אַ וואָרט געגען העברעאיש אָט, באַט זעהט אַליין: אויף די זיבען שורות, וואָס איהר זעהט דאָ אויף דעם בויגען פאַפּיר, האָב איך שווער געאַרבייט מעהר ווי אַ וואָך. איך זעץ דאָ אי־בער מיין „פישקע דער קרומער", אין העברעאיש, איך שטרענג אָן אַלע מיינע גייסטיגע כוחות, אום אויסצודריקען אין העברעאיש אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אי ןדעם יודישען אָריגינאַל, נאָך אַביסעל שענער און פיינער, קען מען, פרעג איך, אייך, אָפּגעבען אַזוי פיל צייט און אַזוי פיל כוחות צו אַ שפּראַך וועלכע איז נישט טייער ווי דאָס לעבען?

דער זיידע האָט געהאַט אויך אין רעדען אַ רייכע, אַ כאַראַקטעריסטישע שפּראַך, אַ לשון פון אַ תלמיד חכם, אַ וואָרט־קינסטלער, אַלץ וואָס דער זיידע פלעגט אַרויסזאָגען, איז געווען ווי אָפּגעטאָקט, אויסגעשניצט, פּלאַסטיש, די נגינה דער טראָפּ, דער ריטם פון זיינע ווערטער, פון זיינע זאַצען, זענען געווען העכסט אייגנאַרטיג און עכט יודיש.

און דער זיידע האָט ליב געהאַט צו רעדען. ער פלעגט רעדען מיט חשק, מיט טעם, זיינע מעשיות, זיינע וועטלעך, זיינע משלים, זיינע לאַנגע חקירות, ווי זיינע איינפאַלען און בעמערקונגען זענען געווען אַ שטיק קולטור־געשיכטע.

פון מיינע פערשידענע געשפּרעכען מיט׳ן זיי־דען האָב איך זיך געקאָנט איבערצייגען אַז ער האָט נישט געהערט צו קיין פּאַרטיי, צו קיין אָפּגעשלאָסענער ריכטונג אין יודענטום.

פיל מאָל האָב איך אַרומשפּאַצירט מיט׳ן זיידען אין דער שטאָט גענף. אין פריהלינג האָבען מיר אַ רומגעוואַנדערט אויסער דער שטאָט, אין דער פרייער שעהנער, שווייצאַרישער נאַטור.

דער אַלטער איז געווען אַ גוטער פוסגעהער, אויף שפּאַצירונגען אויסער דער שטאָט פלעגט מענ־דעלע אָפט שטעהן בלייבען, אויסשטעלען די ברוסט טיף איינאָטמען און אויסרופען: אָט דאָס הייסט לופט! פשוט מחיה נפשות!...

דער זיידע פלעגט קאָנען נתפעל ווערען ווי אַ קליין קינד, פון יעדער ביטער זאַך, שפּאַצירענדיג אין גענף פלעגט ער בלייבען שטעהן ביי יעדער דעו־שיידונג און פלעגט עס בעטראַכטען פון אַלע זייטען.

רעדענדיג וועגען דער לאַגע פון די יודען אין צאַרישען רוסלאַנד האָט ער געברויכט רעם לשון און די סימבאָלען פון דער „קליאַטשע", דורכגעוואָרפען מיט תורה־ווערטער.

אַ מאָדערנעם מענשען איז געווען אַביסעל פיינליך צוצוהערען די מליצה־שפּראַך און די טייטשען פון פסוקים און פיוטים, וואו עס האָט זיך גע פּאָדערט אַ קלאָרער, איינפאַכער, מענשליכער לשון.

די שפּראַך, אין וועלכער מענדעלע האָט גע־רעדט וועגען דער דעמאָלסדיגער לאַגע פון די יודען אין רוסלאַנד, האָט געקלונגען אין מיינע אוי־ערען פרעמד און אומנאַטירליך.

אַלץ וואָס דער זיידע האָט געזאָגט, א׳ז געווען דורכגעדאַכט, איבערלייגט אָפּגעצי־קעלט, ס׳איז גע־ווען אָפּער צו־אַלט, אָהן שוואונג.

אַ הייגטיגען מענשען האָט ווייניג געקאָנט אינ־טערעסיר׳ען וואָס דער אַלטער האָט געזאָגט. עס איז געווען אָבער אינטערעסאַנט צו הערען, ווי ער זאָגט עס כאָטש זיין „זאָגען" איז געווען פול מיט סקאַרבאָווע מגידות.

דעם גרויסען און עכטען קינסטלער האָט מען געקאָנט מערקען אין מענדעלען נאָר דאַן, ווען ער האָט דערצעהלט אַ מעשה, וואָס מיט איהם אַליין האָט פּאַסירט, אָדער ווען ער האָט געשילדערט אַ מענשען וועמען ער האָט גוט געקענט, יעדע דערשיינונג אין לעבען האָט ער תופס געווען מיט אַלע זיינע פינף געזונטע חושים.

נישט בליצאַרטיג, נאָר לאַנגזאַם שריט ביי שריט, האָט ער אַ זאַך, אָדער אַ מענשען בעגריי־פען.

ר׳ מענדעלע איז נישט בלויז אין זיינע שריפטען, נאָר אויך בעל־פּה געווען אַ לאַנגזאַמער, גע־מיטליכער, דערצעהלער, אין יעדער מעשה וואָס ער האָט דערצעהלט, האָבען זיך געפונען נאָך מעשיות, — פערקניפּט און פערפלאָנטערט איינע אין דער אַנדערער.

צווישען מיינע צייט־גענאָסען האָב איך נישט געקענט אַ צווייטען, וואָס האָט אַזוי גרינדליך געקענט דאָס יודישע לעבען פון די דורות, ווי עס האָט עס געקענט מענדעלע מוכר ספרים, אין דער היגזיכט איז ער געווען אַ לעבעדיגע ענציקלאָפּעדיע, פאַר דעם, וואָס האָט געהאַט אינטערעס און זין פאַר יודישע פאָלקלאָר, זענען געווען די מעשיות וואָס מענדעלע האָט דערצעהלט בעל־פּה אוצרות פון וויסען.

קיינער פון די גטאָ־שילדערער אין וואָס פאַר אַ שפּראַך עס זאָל נישט זיין האָט נישט געקענט אַזוי גוט, ווי מענדעלע, דאָס לעבען פון די יודישע קבצנים און שנאָרער, פון יודישע בטלנים און ווער־טעל־וואָגער.

זיצענדיג אַ פּאָר שטונדען מיט מענדעלען, ווען ער א׳ז געווען אויפגעלייגט צו רעדען און צו דער־צעהלען, האָט געהייסען דורכלעבען גייסטיג אַנ׳־עפּאָכע, וואָס איז שוין לאַנג פערשוואונדען.

רעדענדיג מיט מענדעלען, האָט מען זיך גע קאָנט גאַנץ לייכט איבערצייגען, אַז דער אַלטער האָט געלעבט אייגענטליך נאָר אין זיין אייגענער אַמאָלי־גער וועלט. קומענדיג פון דער אָדעסער תלמוד־תורה וואָלט קיין גענף, וואו עס איז דאַן געווען קאָנצענ־טרירט די יודישע קעמפענדע רעוואָלוציאָנערע יו־גענד, און אַ וועלט פון ברויזענדע פרייע אידעען און שטרעבונגען האָט מענדעלע זיך נישט אינטערעסירט מיט דער יוגענד און איהר קאַמף.

זיצענדיג אין גענף און זייענדיג מאַטעריעל בע זאָרגט, האָט דער אַלטער, וואָס איז געווען אַזוי שמאַלץ אויף זיין יוגענדליכקייט, געאַרבייט אויף דער העברעאישער איבערזעצונג פון „פישקע דער קרומער" וואָס א׳ז ערשינען אין יודיש צום ערש־טען מאָל אין יאָהר 1869.

מענדעלע האָט געבראַכט זיין וועלט מיט איהרע בעזונדערע נפשות קיין גענף און לעבענדיג אויסער־ליך אין דער פראַנצויזישער שווייץ, האָט ער אינער־ליך פאָרטגעזעצט זיין לעבען אין קאַפּצאַנסק און אין גלופּסק.

ער איז געווען דורך און דורך אַ פאָלקס־מענש, וועגען זיין איבערגאַנג פון העברעאיש צו יודיש שרייבט מענדעלע פאָלגענדעס: „אָט קוק איך מיך צו צום שטייגער לעבען פון אונזער פאָלק און וויל עס דערצעהלען דערנאָך אין דער היילגער שפּראַך, אָבער דער גרעסטער טייל פון פאָלק פערשטעהט דאָך גאָרנישט די דאָזיגע שפּראַך, און רעדט יודיש הייבט וואָס נוצט דעם שרייבער די גאַנצע מיה זיינע און זיין האַרצענס־בעגעהר, ווי באַלד ער ברענגט דעם פאָלק קיין נוצען נישט? די דאָזיגע פראַגע — פאַר וועמען אַרבייט איך? — האָט מיך נישט געלאָזט רוהען און געבראַכט מיך אין גרויס פערלעגענהייט... אונזערע שרייבער, די בעלי־הלשון... האָבען געקוקט אויף יודיש פון אויבען אַראָפּ און מיט דער גרעס־טער פעראַכטונג... דער געראַנק, אַז שרייבענדיג יו־דיש, וועל איך מיך דערנידעריגען האָט מיך זעהר געפּלאָגט; אָבער דער חשק נוצען צו ברענגען האָט גובר געווען די פאַלשע בושה און איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: זאָל זיין וואָס עס וויל, איך וועל מיך אָננעהמען פאַר דעם פערשטויסענעם יודיש, און וועל נוצליך זיין מיין פאָלק".

און וואָס ווייטער אַלץ פאָלקסטימליכער איז ער געוואָרען, זיין וועלט־בענעהם איז אָבער פערבלי־בען אַ קליינבירגערליכער.

אין אַנ׳אינטימע רמינוט האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט:

„איך האָב זיך גענומען איבערצוזעצען מיינע יו־דישע שריפטען אין העברעאיש, און ווען מיין לעבען וועט קורץ זיין פאַר דער דאָזיגער אַרבייט האָב איך בעשוואוירען מיינע נאָהענטע פריינט מיט די ווער־טער פון יוסף: „והעליתם את עצמותי מזה" — זיי זאָלען אַרויסשלעפּען מיינע ביינער פון מצרים, דהיינו איך וויל נישט בעגראָבען ווערען אין יודיש, און דאַרום זאָלען מיינע פריינט פערענדיגען מיין אַרבייט, ווען מ׳ר אַליין זאָל עס נישט געלונגען!"

נאָך די לעצטע ווערטער האָט זיך מענדעלע פערטראַכט אַ פּאָר מינוט און פלוצים האָט ער זיך געגעבען אַ שטעל ווי איינער וואָס גרייט זיך צו פאַר אַ קאַמף און אַ זאָג געטון מיט אַנ׳ענטשיידענהער שטים:

„ניין, ביין, איך האָף, אַז מיר וועט נאָך אַלץ געלונגען איבערצוזעצען אין העברעאיש אַלץ, וואָס איך האָב געדרוקט אין יודיש... דער־פאַר וויל איך נאָך לאַנג לעבען"... איך מוז לאַנג לעבען ווייל, ווי איך גלויב, וועט קיינער אָהן מיין הילף נישט קאָנען מאַכען די אַרבייט ווי געהעריג".

כ׳האָב אין יענעם מאָמענט, ווי אויך אין אַנ־דערע מאָמענטען בעמערקט אַז איהם איז שווער גע־ווען אַרויפצולאָזען דעם געדאַנק אויפ׳ן זינען, אַז ער וועט אויך אַמאָל מוזען שטאַרבען...

מענדעלע האָט זיך געקלאַמערט אָן לעבען מיט אַלע פיברען פון זיין נשמה, און זיין שאַפונגס־קראַפט האָט ווירקליך פערלענגערט זיין לעבען.

מענדעלע מוכר ספרים, דער קינסטלער, איז קיינמאָל נישט אַלט געוואָרען.

פאליציי בעזעצט דאס ליבקנעכט־הויז אין בערלין

DR. MED. J. LUBICZ
כירורג־ארטאפעד
פאלודביאווא 9, טעל. 183-17
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען,
פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער
אייגענע פראצאווניע פון זעסטלובע ארטאפעדישע
ארטיקלען ווי: תקלאדעם אויף פלאטפוסען, קינסטליכע
הענד און פיס, גארטעלען א. אז. וו.
נעהמט אָן פון 2.30 ביז 4.30 נאָכמיטאָג.

יצחק יאנאסאוויטש

די חורבה אין טאל...

(דערצעהלונג)

געווען איז עס אין לעצטען יאָהר 1922.

מען האָט מיך אַרויסגערופען צו אַ קראַנקען פון אַ דערנעבענדיק דערפעל, ווען איך בין אַ היים געקומען איך האָב אונזער גאַסט נישט געטראָפען. מאַריע אָבער איז געלעגען אין בעט, מיט רויטע אויגען און בכלל קיין וואָרט נישט געוואָלט אויסריידען. איך האָב געפילט אַז עפּעס איז דאָ פאַרגעקומען, עפּעס וואָס לאָזט זיך נישט בערעכטיגען מיטן שכל. איך האָב געפּרובט רעדען צו מאַריען, געוואָלט איהר זאָגען, אַז זי זאָל מיט מיר׳ זיין אָפען, זי זאָל מיר דערצעהלען וואָס עס איז פאַרגעקומען, האָב אָבער די ווערטער נישט געקאָנט אַרויסברענ־גען, געפיהלט אַז אויב איך וועל זיי אַרויסזאָגע וועט עפּעס שרעקליכעס געשעהען.

דעמאָלט האָב איך זיך אַ וואַקעל געטון פער־לוירען די גלייכגעוויכט...

אַלעס האָט גענומען גיין בארג אַראָפּ...

אין אַ צייט אַרום האָב איך זיך דערוואוסט... אז מאַריע איז שוואַנגער פון איהם...

שווער אין ווערטער איבערצוגעבען דעם צו־שטאַנד, אין וועלכען איך האָב זיך דעמאָלט געפו־נען. ס׳איז געווען אַ צושטאַנד פון האַלבען וואַנזין, וואָס האָט זיך כסדר פערגרעסערט. מאָדנע געדאַנ־קען זענען מיך דעמאָלט ווי בייזע פליגען בעפאַלען

איך האָב געקלערט דערשטיקען מאַריען און זיך דערשטיקען, ווייטער לעבען האָט זיך מיר אויסגע־וויזען אוממעגליך. עפּעס האָט דאָ איינם האַרצען געבריהט, געשטיקט. אין מוח האָט אַ שטורם פון געדאַנקען זיך געדרייט, אָנגעזאָגט שווערע פער־וואָלקענטע קאָשמאַרען, בילדער אַלערליי, וואָס האָבען מיך משוגע געמאַכט.

איך האָב זיך אָבער געפּאַסט, דאָס לעבען איז מיר געווען אַ שאָד. גאָכן ערשטען אויסבריוך פון שגעון האָב איך זיך בערוהיגט און ווידער גע־נומען זוכען אַנ׳אויסוועג, ווי אַזוי ווייטער צו לע־בען, ווי אַזוי אַלץ צו פערריכטען.

איין זאַך איז מיר געווען קלאָר, דאָס קינד טאָר נישט געבוירען ווערען.

דעמאָלט איז ביי מיר געבוירען געוואָרען יענער טייוולאָנישער פּלאַן, וואָס האָט מיר אויס געזעהן אַזוי לייכט אַדורכצופיהרען, יענער פּלאַן וואָס כ׳האָב איהם אַדורך געטראַכט ביז דער קלענסטער קלייניגקייט.

איך וועל מאַריען אָפּעריערן, קיינער זאָל נישט וויסען, שעדיגען דאָס געבוירען ווערען פון קינד. מאַריע איז דערויף בעשטאַנען.

איצט איז דער גורל מיר קלאָר. איך זעה וואָס דער פּאַטום וויל...

די אָפּעראַציע איז נישט געלונגען, מאַריע איז טויט!

אַ גאַנצען טאָג שטיי איך און קוק שטאַר און טעמפּ אויף מאַריען, וואָס ליגט טויט אויפ׳ן טיש...

איך האָב גאָרנישט געפיהלט, גאָרנישט געקלערט, נאָר טעמפּ זיך געגאַפּט אין דעם קאַל־טען קערפּער, וואָס ליגט אויפ׳ן טיש. איך האָב גאָרנישט געפיהלט, נישט קיין ווייטאָג, נישט קיין צער, עפּעס אַזוי ווי אָט דער קערפּער דאָ וואָס ליגט אויפ׳ן טיש געהערט מיר גאָרנישט אָן, עפּעס אַזוי ווי די גאַנצע זאַך וואָלט פאָרגעקומען שוין גאַנץ לאַנג און האָט מיט מיר נישט קיין שום שייכות. איך בין דאָ צופעליג אַרויסגערופען געוואָ־רען פעסטצושטעלען עמיצענס טויט, דער טויט פון אַ מענש, וואָס גייט מיך לגמרי נישט אָן.

אַזוי אַ גאַנצען טאָג.

שפּעט אין אָוונד האָב איך פּלוצלינג דער־זעהען אין שטוב יענעם מענש. ער איז געשטאַנען נעבען מיר און געקוקט אויף דער טויטער מאַריע. איך האָב איהם אָנגעקוקט שטאַר און פרעמד ווי איך וואָלט איהם קיינמאָל נישט געזעהן. איך בין ווידער פערזונקען אין יענעם טויטען גליווער און האָב ווידער אַלץ אַרום מיר אויפגעהערט צו בעמערקען.

פּלוצלינג פיהל איך עמיצער לייגט די האַנד אויף מיין אַקסעל. ער קוקט מיך אָן מיט זיינע טיפע שוואַרצע אויגען, וואָס זענען איצט איינגעאַ־צען רוהיג:

— מיר דאַרפען איצט שטאַרבען — זאָגט ער — איהר מוזט עס טון... קיינער זאָל גאָרנישט וויסען. איך קוק איהם נאָך, ער גייט אַוועק אין מאַריע׳ס שלאָפצימער, פערשליסט די שטוב און איך הער ווי ער שליידערט דעם שליסעל דורכ׳ן פענסטער...

פּלוצלינג האָב איך דערוואָרט און פערשטאַ־נען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און די אויערען קלינגען מיר די ווערטער:

— מיר דאַרפען שטאַרבען.

עמיץ שעפּטשעט מיר ווידער אונטער אַ ווילדען טייוולאָנישען פּלאַן. איך בין איצט איני־גאַנצען ניכטער, ניכטער ביים שיין פון נאָהענטען טויט.

איך נעהם אַ ליכט, טינט און פעדער און איך זעץ זיך שרייבען, ווען איך וועל האָבען בע־ענדיגט וועלען מיר שטאַרבען און אַלץ אַרום אונז וועט שטאַרבען...

דאָס העפט פאַלט אַרויס פון מיין האַנט איך קוק שטאַר פאַר זיך מיט אַנ׳אומבעוועגליכען בליק.

און אין יענעם פריהמאָרגען האָט דאַווידי בראָם אונטערגעצונדען פון אַלע זייטען זיין הויז אין איז צוזאַמען מיט מאַריען און דעם פרעמדען מענש פערברענט געוואָרען.

איצט ווייס איך שוין ווי איך האָב געהערט דעם נאָמען פון דעם דערפעל יאַלאָווע. איך האָב עס געלייענט אין די צייטונגען, וואָס האָבען דע־מאָלט אַזוי ברייט בעשריבען דאָס אומגליק פון דער חורבה אין טאָל...

(סוף).

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

לאדזער קהלה וועט נישט אנטיילנעמען

אין אלוועלטליכען יודישען קאנגרעס צוליב א גאנצע רייה טעמים

פראטעסט-רעזאלוציע וועגען דער אנטי-יודישער העצע אין דייטשלאנד

נעכטיגע זיצונג פון דער לאדזער קהלה-פערוואלטונג

מאנטאג
כא
25
תמוז תרצ"ב

יולי
זון-אויפגאנג 3.41
זון-אונטערגאנג 7.43

אונטערשטיצונגען פאר ארבייטסלאזע

דער אונטערשטיצונגס-אמט ביים מאגיסטראט איז מודיע, אז די דרינגענדע אונטערשטיצונגען פאר ארבייטסלאזע פאר'ן חודש יולי, הויבט מען אן אויסצוצאהלען מאנטאג, דעם 25-טען יולי. לויט פאלגענדען סדר:

היינט, מאנטאג, דעם 25-טען יולי:

A B C D E F G H I J K L Ł

דינסטאג, דעם 26-טען יולי:

M N O P R S T U W Z Ż

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: ש. יאנקעלעוויטש (אלטער מארק 9), ז. שטעקעל (לימאנאווסקיגא 37), ב. גלוכאווסקי (נארוטאוויטש 6), ס. האמבורג (גלובנע 50), ל. פאוולאווסקי (פעטריקאווער 307), א. פיאטראווסקי (פאמארסקא 91).

זונטאג-געשלעגען

(2) אזוי גייט עס שוין צו מזונטאג לזונטאג:

אין א וואוינונג אויף זגערזשער 118, וואו עס וואוינען פראסטיטוטקעס, זענען נעכטען שווער צושטאכען געווארען פון מעסערס די 2 גאסען-מיידלעך סטאניסלאווא טשאפליצקא און יאנינא יעזשאק. מיאוס האט אויך אפגעשניטען זייער „גאסט" יוזעף העטמאן (פון גלובנע 56).

אויף זגערזשער גאס 19 איז ענטשטאנען א געשלעג צווישען שיכורים, בעת וועלכער עס זענען צושטאכען געווארען מיט מעסערס: קאזשימיעזש אגראדאווטשיק (רייטערא 13) און אדאם טאטשעק (זגערזשער 19).

אויף רזשעווסקיעגא 2 (צעגאנקא) האט דער באלעבאס פון הויז אזוי אנגעבראכען די ביינער זיין לאקאטאר, דעם געוועזענער קאזשימיעזש קאוואלסקי, אז ער האט איהם דעם קאפ געשפאלטען און זיין קאכאנקע, מאריא וואלטשאק האט פון די קלעפ גע'טפיל'ט...

אויף זגערזשער 41 איז מען בעפאלען איינעם, יוזעף ראטשיק און איהם געעפענט דעם קאפ.

דאס נעמליכע איז געשעהען אויף מארישינסקא 21 מיט איינעם סטאניסלאוו מאטושינסקי פון אלעקסאנדריסקא 23.

אין די אלע פאלען איז געקומען צו-הילף פאגאטאוויע.

פער'סמ'ט מיט סטריכנין

(2) פאר א פערהעלטניסמעסיג קורצער צייט איז אין טאמאשאוו נעכטען פערנאטירט געווארען דער 104-טער פאל פון פערגיפטעט ווערען דורך סטריכנין:

נאך דעם ווי א געוויסע מאריא זאקושעווסקא האט אויפגעגעסען א פארציע פלייש, האט מען זי אין א געפעהרליכען צושטאנד געמוזט אפפיהרען אין שפיטאל.

אונטער די רעדער פון א וואגן

(א) נעכטען איז אונטער די רעדער פון א וואגען ארונטערגעפאלען, אויף פיעטרקאווער 45, דער 21-יאהריגער עקספעדענט בינם ראפאלאוויטש. ער איז שטארק צושעדיגט געווארען.

א זעלבסטמארד אין „טשארי"

(א) אין דעם ווארט-זאל פונ'ם קינא-טעאטער „טשארי" האט זיך, – בעת אין זאל איז געווען א גרויסער עולם, – אריינגעשאסען א קויל אין מויל אריין דער 20-יאהריגער וואלד-וועכטער, מיעטשיסלאוו וויעטשארעק פון קאלושעק, וועלכער איז געקומען קיין לאדז.

אין א גוססן צושטאנד האט איהם פאגאטאוויע אפגעפיהרט אין שפיטאל, וואו ער איז אפערירט געווארען.

Dr. Wajnberg

ציגעל-גאס 11, טעל. 126 02

ספעציאליסט פון הארץ- און לונגען-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט.

נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אוועגד.

די דאזארעס קומען נישט

נאך א גאר לאנגער הפסקה איז נעכטען פארגעקומען א זיצונג פון דער צייטווייליגער קהלה-פערוואלטונג. דיזעלבע זיצונג האט שוין געזאלט פארקומען די פערגאנגענע וואך, נאר צוליב דעם וואס די דאזארעס האבען נישט געפינען פאר נויטיג זיך צונויפצוקומען, איז זי פארגעקומען ערשט נעכטען. אבער אויך דאסמאל איז קוים צונויפגעשטעלט געווארען א קווארום, הגם אויף דער טאג-ארדנונג האבען זיך געפינען זעהר וויכטיגע און אפילו פרינציפיעלע פראגען.

נאכדעם ווי פרעזעס מינצבערג עפענט די זיצונג ווערט אריינגעטראגען א דרינגענדער פארשלאג וועגען פראטעסטירען געגען דער שרעקליכער יודען-העצע, וואס ווערט געפיהרט אין דייטשלאנד. דער פארשלאג איז אונטערגעשריבען געווען דורך די דאזארעס: דעפ. מינצבערג, בערגער, אדוו. ווייצמאן און אנדערע. ס'ווערט בעשלאסען די פראגע צו שטעלען אויף דער טאג-ארדנונג פון דער זיצונג.

די קהלות פאר די גמילות-חסדים-קאסעס

ס'ווערט איבערגעלייענט א צירקולאר פון בילדונגס-מיניסטעריום וועגען דעם, אז די קהלות האבען דאס רעכט פון זייערע פאנדען צו געבען סובסידיעס פאר די אהן-פראצענטיגע גמילת-חסדים-קאסעס. דא ווי די מאכט האט די דאזיגע פאזיציעס געשטראכען פון די קהלות-ביודזשעטען, קענען די קהלות זיך ווענדען צום מיניסטעריום און די פאזיציעס וועלען צוריקגעשטעלט ווערען.

ס'ווערט איבערגעלייענט די ווענדונג פון אינזש. אלעקסאנדער וויניקאוו, אז מזאל איהם

שטרייכען אלס מיטגליד פון דער יודישער קהלה.

ס'ווערט בעשלאסען איהם צו ענטפערען, אז זיין ווענדונג קען בעריקזיכטיגט ווערען נאר דעמאלט ווען ער וועט צושטעלען א בעשייניגונג פון דער סטאטישער סטאראסטווע, אז ער איז איבערגעגאנגען צו אנ'אנדער גלויבען.

די קהלה-פערוואלטונג בעשליסט דאן

נישט אנצונעהמען די ירושה

וואס עס האט איבערגעלאזען לטובת דער יודישער קהלה אין לאדז א געוויסער סאמועל דוד אפענהיים פון זשעראמסקיעגא 85, וועלכער איז מיט עטליכע יאהר צוריק בעגאנגען זעלבסטמארד. אפענהיים האט דאן געבעטען אין זיין צואה, אז די קהלה זאל אדורכפיהרען די קבורה און דערפאר פערשרייבט ער לטובת דער קהלה אלץ, וואס איז נאך איהם פערבליבען. וועגען דער דאזיגער ירושה האט זיך די קהלה ערשט דערוויסט די לעצטע צייט, היות פון דער דאזיגער ירושה איז שוין גארנישט פערבליבען האט די קהלה פערוואלטונג בעשלאסען זיך אפצוזאגען פון דער דאזיגער ירושה.

ס'ווערט גענומען צו קענטניש, אז די קהלה האט בעקומען אנ'עקסמיסיע-אורטייל אויף דעם קהלה-פלאץ אויף זאכאדניא 56, ביי דער דאזיגער געלעגענהייט ווערט בעשלאסען צו רעווידירען די דין-תורה מיט דעם פאכטער פון דער מקוה אויף זאכאדניא 58.

די יודישע קהלה אין לאדז און דער אלוועלטליכער יודישער קאנגרעס

ס'ווערט אדורכגעלייענט דער בריף פון ד"ר נחום גאלדמאן, וועלכער לאדענט איין, אין נאמען פון אמעריקאנער יודישען קאנגרעס, די לאדזער קהלה-פערוואלטונג אנטיילצונעהמען אין דער אלוועלטליכער יודישער פארקאנפערענץ, וואס דארף פארקומען דעם 14-טען אויגוסט אין גענף און וועלכע דארף צוגרייטען דעם אלוועלטליכען יודישען קאנגרעס.

דעם ענין רעפערירט פרעזעס מינצבערג, ער האלט, אז אין דער איצטיגער לאגע פון יודענטום וואלט געווען זעהר וויכטיג דאס צושטאנד-קומען פון דעם יודישען אלוועלטליכען קאנגרעס. לויט דער מיינונג פון דעפ. מינצבערג איז אבער דער ענין כאאטיש און נישט פלאנמעסיג צוגעגרייט געווארען. די גרויסע יודישע וועלט-ארגאניזאציעס האבען זיך אפגעזאגט אנטיילצונעמען אין קאנגרעס און ער וועט דעריבער קיין שום נוצען נישט ברענגען, ער לעגט פאר. אז די לאדזער יודישע קהלה זאל אין דער פארקאנפערענץ נישט אנטייל-נעמען.

אדוו. ווייצמאן ווייזט אויך אן אויף דער וויכטיגקייט פון קאנגרעס, ער איז אבער, לויט זיין מיינונג, געשאפען געווארען דורך די ציוניסטען, די פאליטישע ארגאניזאציעס דארפען זיין פערטרעטען אויפ'ן קאנגרעס, כדי צו בעווייזען זיין אמת'ן כאראקטער, די קהלות דארפען אבער אין איהם נישט אנטיילנעהמען.

דאזאר האפמאן האלט, אז ס'איז איבריג צו דעבאטירען וועגען דער פראגע, ווייל די קהלה-מעהרהייט האט שוין צוגעגרייט א פערטיגע רעזאלוציע, וועלכע משפט אפ דעם ענין. דער פרעזעס האט אויסגערעכענט די ארגאניזאציעס, וועלכע נעמען נישט אנטייל אין קאנגרעס, ער האט אבער נישט אויסגערעכענט די, וועלכע נעמען יא אנטייל. אין דער שווערער לאגע, אין וועלכער ס'געפינט זיך איצט דאס אלוועלטליכע יודענטום, וואלט מען געדארפט אוועקווארפען די פאליטיק און שיקען א דעלעגאט צו דער קאנפערענץ.

מיט אלע שטימען געגען איינע (דאזאר האפמאן) ווערט אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציע:

די קהלה-פערוו. שטעלט פעסט, אז צוא אינטערנאציאנאלע צוזאמענקונפט פון יודישע עסקנים וואלט ביי א געהעריגער און פלאנמעסיגער ארגאניזאציע אהן שום ספק געקענט האבען א בעדייטונג פארן מצב פון יודענטום אין פערשידענע לענדער.

ליידער איז דער אופן פון צוזאמענרופען אויף א וועלט-קאנגרעס אזוי צופעליג, כאאטיש און סיסטעם-לאז, אז קיין שום פאזיטיווע רעזולטאטען קען מען דערפון נישט דערווארטען.

להיפוך איז זיך צו ריכטען, אז עס וועלען נאך בולטער ענטפלעקט ווערען די חלוקי-דעות און פירוד אין אונזערע רייען און דאס איז עלול ניכער צו ברענגען שאדען, ווי נוצען דעם יודישן פאלק.

צוליב די דאזיגע טעמים האבען אזעלכע אנגעזעהענע און איינפלוסרייכע ארגאניזאציעס ווי דער אמעריקאנער יודישער קאמיטעט, דער וועד-הקהלות אין ענגלאנד די „אגודת-ישראל", דער „אליאנס איזראעליט" דער „אוניאן" פון עסטרייכישע יודען קאטעגאריש זיך ארויסגעזאגט געגען דעם קאנגרעס און דערמיט שוין לכתחילה געמאכט א שטריך איבער זיין אלוועלטליכען כאראקטער.

ביי די דאזיגע בעדינגונגען קען די לאדזער קהלה נישט נעמען קיין אנטייל אינ'ם קאנגרעס און האלט דעריבער דאס שיקען איהרע פארשטעהער אויף מיטארבייט פאר אונמעגליך, און לשם אינפארמאציע – פאר לחלוטין איבריג.

צווישען קלענערע פראגען איז בעשלאסען געווארען נישט צו בעריקזיכטיגען די ביטע פון ד"ר מייבאום-מאזשינסקי איבערצופיהרען דעם טויטען קערפער פון זיין זיידען פון אלטען בית-עולם אויפ'ן נייעם.

ווייטער איז בעשלאסען געווארען צו בעשטימען א געוויס ארט אויפ'ן בית-עולם צו שטעלען אנ'אוהל דעם פערשטארבענעם מאיר בארנשטיין ז"ל, צו בעשטימען 500 זל. פאר די זומער-קאלאניעס פון „בנות-אגודת-ישראל", צו בעשטימען 50 פראצענטיגע עמעריטור פאר דער פאמיליע פון פערשטארבענעם משמש הערצקע און צונעמען אלס מתעסק אויפן בית עולם מיט א געהאלט פון 250 זל. א חודשים ה' לייבל עפשטיין.

א דיסקוסיע האט ארויסגערופען די פראגע פון די ווענדונגען פון א גאנצע רייה דעלעגאציעס וועגען בעשטימען אלס מורה-הוראה דעם אנגעזעהענעם למדן און געבילדעטען מענש

ר' שמחה טרייסטמאן

די קהלה-פערוואלטונג האט דעם ענין פערשלעפט צוליב פארמעלע טעמים, איבערלאזענדיג דעם ענין פאר דער נייער קהלה-פערוואלטונג, וועלכע דארף בעשטעטיגט ווערען דורך דער מאכט. דער מאטיוו איז געווען דער, וואס נאר דער קהלה-ראט האט דאס רעכט צו בעשטימען א מורה-הורה און איצט איז דערווייל קיין קהלה-ראט נישט דא.

צום סוף איז איינשטימיג אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציע וועגען דער פאגראם-העצע אין דייטשלאנד.

געגען דער פאגראם-העצע אין דייטשלאנד

די העסליכע אגיטאציע פון היטלער-לייט, וואס שטעלען זיך נישט אפ אפילו פאר אזעלכע מיטלען פון קאמף, ווי שאפען אויסנאהם-געזעצען פאר יודען, פערשפרייט זיך אלץ שטארקער און ברייטער.

די דאזיגע אונערהערטע אויסראטונגס-מעטאדען, וועלכע דערמאהנען אין די פינסטערע צייטען פון מיטעל-אלטער און זענען א חרפה פאר'ן 20-טען יאהר-הונדערט, בעאונרוהיגען שטארק די יודישע בעפעלקערונג איבער'ן גורל פון איהרע מיטברידער אין דייטשלאנד.

די יודישע קהלה אין לאדז, די צווייטע לויט דער גרויס אין פוילען, וואס פערטרעט 200 טויזענד איינוואוינער, בעפלייגט דעריבער דעם שארפסטען פראטעסט געגען די דייטשע שאוויניסטישע עלעמענטען און ווענדעט זיך מיט דער הייסער בקשה צו דער פעלקער-ליגע און צו דער פוילישער רעגירונג, אנצווענדען אלע מיטלען, אז די דאזיגע העצע געגען יודען זאל וואס גיכער פערראורטיילט און אפגעשטעלט ווערען.

PRYWATNE POGOTOWIE LEKARSKIE

TEL. 12-333 ZIELONA № 6.

Szybka pomoc lekarska.–PRZEWÓZ CHORYCH

בלוטיג געשלעג צווישן יודישע גע-וועלבער אויף א זומער-וואוינונג

אויף דער זומער-וואוינונג אין קאזשימיעזש איז היינט 5 פארטאגס אויסגעבראכען א בלוטיג געשלעג צווישען 2 יודישע געוועלבער, וועלכע קאנקורירען צווישען זיך.

בעכטען 5 פארטאג האט דער יודישער געוועלבער אויס לאדז פישעל זאלצבערג פונאנדערגעטראגען פראדוקטען צווישען די לעטניקעס, דער צווייטער געוועלבער משה שערפינסקי איז איהם דאן בעפאלען מיט א טויטען-שלעגער און איהם געמאכט 3 שווערע וואונדען אין קאפ.

געגען שערפינסקי איז צונויפגעשטעלט געווארען א פראטאקאל.

4 שיכורים בעפאלען א וואך-זעלנער

איינער פון זיי–שווער פערוואונדעט; דריי זענען ענטלאפען

(2) נעכטען פארטאג האבען 4 שיכורים שפאצירט לעם די קאשארען אויף 6 שיערפניא.

שיכורערהייט האבען זיי זיך צוגעטשעפעט צו דעם זעלנער, וואס איז געשטאנען אויף דער וואך, ער זאל זיי ווייזען זיין ביקס.

ווען ער זיי אפגעזאגט דאס צו טון, און גערייסען זיך פונאנדערגיין.

די שיכורים האבען דאן אנגענומען א דראהענדע שטעלונג, און איהם געוואלט בעפאלען.

דער זעלנער האט דאן אויסגעשאסען פון שווער פערוואונדעט איינעם פון זיי, דעם 24-יאהריגען וולאדיסלאוו רעגדזשיקאווסקי (ליפאווא 58).

די איבעריגע דריי זענען ענטלאפען דורכ'ן האלער-פלאץ אין דער ריכטונג פון שרודמיעיסקא.

דעם פערוואונדעטען האט מען אין צושטאנד אפגעפיהרט אינ'ם ראדאגאסטשער שפיטאל.

פאליציי און זשאנדארמעריע פארשט [illegible] די סיבות פונ'ם אנפאל אויפ'ן זעלנער.

———=:O:(=——

מורא'דיגע טראגעדיע פון א פארפאלק

געוועז א באהן-קאסירער, וועלכער איז אפגעקומען א געריכטס-שטראף פאר דעפראודאציע און וועלן דערמארדן זיין פרוי, קומט צוריק און דערמארדעט זיין פרוי. — אליין ענטלויפט ער, איז איבערגעלאזטע בריף בעשולדיגט ער אין דעם אומגליק זיינעם די פרוי

(2) די 26-יעהריגע מאגדאלענא זאקושעווסקא האט געארבייט אלס וועכנערין אין דער גינאקאלא-גישער קליניק פונם ד"ר שימא דרובין (אויף 6 שיערפניא 15–17) וואו זי האט אויך געוואוינט אין א בעזונדער צימערל ביי דעם קליניק.

מיט 3 יאהר צוריק, האט דער איצט 36-זעהריגער, פיאטר-לעאן זאקושעווסקי, געארבייט אלס א באהן-קאסירער אין דער בילעטען-קאסע פון 2 קלאס אויפן וואגזאל לאדז-פאבריטשנע, פערדי-נענדיג א חודש פענסיע 220 זלאטעס.

ארבייטענדיג אלס קאסירער, האט זיך זאק-ישעווסקי אויפן וואגזאל בעקענט מיט דעם בופעט-מיידעל פון 2 קלאס, זיין איצטיגע פרוי, און נאך א געוויסער צייט האט ער מיט איהר חתונה-געהאט.

דאס יונגע פארפאלק האט זיך גלייך נאך דער חתונה איינגעצויגען אויף 6 שיערפניא 21 אין א 3-צימערדיגער פייגער וואוינונג, געשמאק-פול אויסמעבלירט דורך זאקושעווסקי'ן פאר'ן געלד, וואס ער האט זיך „אויסגעבארגט" פון דער באהן-קאסע, ווייל דאס יונגע ווייבעל זיינס האט אזוי געוואלט, דערקלערענדיג פאר דער חתונה נאך. אז ער זאל נישט מורא האבען צו בארגען זיך געלד אין דער קאסע, ווייל זי איז א טאכטער פון זייער רייכע עלטערען, וועלכע וואוינען אין גא-ליציע, און אויב מ'וועט דארפען דאס אויסגע-בארגטע צוריקצאהלען, וועט זי שוין אזוי מאכען, אז די עלטערען איהרע וועלען עס דעקען...

הכלל ער האט זיך געפאלגט און דאס גאנצע געלד, וואס ער האט אליין פערדינט, ווי אויך דאס „צוגעבארגטע" געלד אפגעגעבען זיין ווייב, פאר וועלכער גארנישט איז געווען טייער, און זי האט געהאלטען אין איין איינהאנדלען מציאות אין דער וואוינונג אריין, רק טענה'דיג, אז דער מאן ברענגט נאך צו קנאפ געלד אהיים...

נאכקאנטראלירענדיג אמאל געניי די קאסע האט זיך זאקושעווסקי געכאפט, אז עס איז דא א מאנקא פון עטליכע טויזענד זלאטעס, און דאן האט ער זיך געווענדט צו דער ווייב זיינער, זי זאל דערפילען די הבטחה, וואס זי האט איהם געגע-בען אנומעלטען, און דעקען דעם מאנקא מיט'ן געלד, וואס זי האט געזאלט בעקומען פון איהרע רייכע עלטערען.

דאס פאר-פאלק איז דאן אוועקגעפאהרען צו איהרע עלטערען אין גאליציע, און דארט האט זיך ארויסגעוויזען, אז עלטערען טאקי האט זי דארט, אבער זיי זענען די ריכטיגע גרויסע ארימע לייט, און אז וועגען ראטעווען זיך דא קאן גאר קיין שום רייד נישט זיין.

איז מען, בחרפותינו הרבים, צוריקגעפאהרען אהיים, און זאקושעווסקי האט זיך געשאפען אין ערגיץ א רעוואלווער, און געהאלטען אין איין צו-רעדען זיין ווייב — מ'זאל זיך צוזאמען נעהמען דאס לעבען...

דאס יונגע, לייכטזיניגע ווייבעל האט אבער נישט שטארק געהאלטען פון דעם דאזיגען אופן צו לעזען דאס פראבלעם, און זי האט ווידער גע-האלטען אין איין אפלייגען און אפלייגען מיט'ן דאפעלטען זעלבסטמארד, ביז — ביז, ווי א דונער פון העלען הימעל ארונטער, איז אין איינעם א מיטענוואך-טאג אנגעקומען אן אינספעקציע פון דער ווארשעווער באהן-דירעקציע, וועלכע האט קאנ-טראלירענדיג די קאסע-ביכער אויסגעפונען געוויסע אונפינקטליכקייטען...

זאקושעווסקי האט דאן געזאגט עפיס א תירוץ. איבערגעבעטען די קאנטראל-קאמיסיע, אז ער דארף אויף א ווייל ארויס, און אז ער וועט באלד צוריקקומען...

באלד צוריקקומען האט ער אבער נישט גע-קאנט, ווייל ער איז אוועק צו זיך אהיים, אויף 6 שיערפניא, וואו ער האט דערקלערט זיין ווייב, אז די קאנטראל-קאמיסיע איז געקומען אויף די שפורען פון זיינע מיסברויכען, און מחמת דעם בלייבט איהם גארנישט אויסען, ווי גאר בעגעהן צוזאמען מיט איהר דעם פריהער-געפלאנטען זעלבסטמארד.

דאס יונגע ווייבעל האט דערויף מסכים געווען...

ביידע זענען זיי דאן אוועק צו דער פרוי'ז זאקושעווסקי'ס שוועסטער, סטאניסלאווא (אויף וואספולנע 10), פון וואנען זיי האבען זי, אונטער עפיס אן'אויסרייד, אוועקגעשיקט, און אז זי איז אוועק — האט זאקושעווסקי אויסגעשאסען אין זיין ווייב, פערוואונדענדיג זי שווער, און דערנאך זיך ווייא ארייגעשאסען א קויל אין רעכטען שלייף...

פאגאטאוויע האט זיי דאן ביידען, אין א געפעהרליכען מצמד אפגעפיהרט אין שפיטאל, וואו די דאקטוירים איז געלונגען סוף כל סוף זיי צו דערהאלטען ביים לעבען.

פון דעם שאס איז ער אבער ארויס מיט איין אויסגערונענעם אויג און מיט א פערקריפעל-טען פנים.

מ'דארף דערביי צוגעבען, אז זאקושעווסקי איז פריהער בעקאנט געווען אין לאדז אלס זעהר שיינער יונגערמאן.

הכלל נאך דעם ווי זאקושעווסקי איז ארויס פון שפיטאל, איז ער ארויף אויף דער בעשולדי-גונגס-באנק, און דאס לאדזער קרייז-געריכט האט איהם דאן פערמשפט פאר דעפראודאציע אויף א יאהר טורמע, און פאר וועלען דערמארדען זיין ווייב-אויף 6 חדשים. צוזאמען איז עס אויסגעקו-מען אז ער דארף אפזיצען א יאהר צייט.

איז ער אפגעזעסען דעם יאהר פון דער טורמע, און אז ער איז פון דארט ארויס, האט ער אנגעהויבען צו זוכען עפיס א פערשעפטיגונג פאר זיך.

זיינע ארומזוכענישען האבען אבער נישט געבראכט צו קיין שום תכלית.

דאס ווייבעל זיינס אבער האט ביני לביני נעענדיגט וועכנערין-קורסען און בעקומען א פאסטען אין ד"ר דריבינגס קליניק.

מיט איהר מאן האט זי נישט געוואלט צו-זאמען וואוינען, ביז ער וועט נישט קריגען א פאסטען.

האט זאקושעווסקי פון צייט צו צייט בעזוכט זיין ווייב אין איהר צימערל ביי דעם קליניק, און זי צוגערעדט, אז זי זאל גיין צו איהם צוריק וואוינען, ווייל צוליב איהר איז ער דאך אין אזא ביטערען מצמד. צוליב איהר האט ער דעם פאסטען פערלוירען. צוליב איהר געווארען אויס-מענש אויפן גאנצען לעבען...

דאס ווייבעל האט איהם אבער שטענדיג אפגעפטר'ט מיטן פזמון, אז זי האט נישט בדעה פאר איהם צו ארבייטען.

עהערגעכטען פארמיטאג איז זאקושעווסקי געקומען אין איהר צימערל, וואו ער האט דער-קלעהרט, אז ער האט שוין בעקומען בעשעפטיגונג, און דעריבער קאנען זיי שוין צוזאמענוואוינען.

דאס ווייבעל האט איהם געפאלגט און זיי זענען צוזאמען אוועק צו איהר שוועסטער אויף וואספולנע 10. וואו זיי האבען גענעכטיגט.

נישט פאראויספיהלענדיג קיין שום בייז, איז זי צוזאמען מיט איהר מאן אוועק צו זיין שוועס-טער ווידער, וועלכע איז גראד געווען ביי איהר חתונה-געהאטער שוועסטער אניעלא קוקולסקא (אויף מאלאפאלסקא 23).

דאס פארפאלק איז געבליבען אליין אין דער דירה.

נעכטען, זייגער 12 פארמיטאג, איז צווישען דעם פארפאלק ווידער אויסגעבראכען א קריגעריי, בעת וועלכער זאקושעווסקי האט געכאפט א האמער און מכבד געווען זיין ווייב איבער'ן קאפ, און ווען יענע איז ארונטערגעשפרונגען פון בעט און זיך געוואלט שיצען, האט ער זי אנגעכאפט פאר'ן האלז און זי אנגעהויבען צו שטיקען.

אין א ווייל שפעטער, ווען זאקושעווסקי האט זיך איבערצייגט, אז דאס ווייב זיינס לעבט שוין נישט, האט ער זיך שנעל אנגעטון, און אנ-קלאפענדיג אין דער טיר צו דער שכנה מאריאננא בלאך, האט ער דערקלערט, אז ער גייט ארונטער צום פריזיער זיך ראזירען.

דערנאך האט ער צוגעשלאסען די טיר און איז שנעל אוועק.

נאך א געוויסער צייט, האט זיך צוריק-געקערט אין דער וואוינונג פון זיין שוועסטער, סטאניסלאווא, און דערזעהענדיג, אז די טיר איז געשלאסען האט זי בעקומען א שלעכטען פארגע-פיהל, געראפען דעם סטרוזש און שכנים, און אז מ'איז מיט א לייטער אריין אינעווייניג — האט מען דערזעהן דאס שרעקליכע בילד, ווי אין מיטען צימער ליגט אין א קאלוזשע בלוט די דערמארדע-טע פרוי זאקושעווסקא.

ס'איז תיכף אנגעקומען פאגאטאוויע און פאליציי.

אויפ'ן טיש האט מען געפונען ליגען א בריף געשריבען דורך דעם מערדער, אין וועלכען ער דערקלעהרט זיין שרעקליכען טאט דערמיט, וואס זיין ווייב האט איהם בדיל הדל געשטעלט דורך איהר לייכטזיניגקייט, און דעריבער האט ער קיין אנדערען אויסוועג נישט געקאנט געפונען, ווי פריהער זי דערמארדען און דערנאכדעם — זיך.

נאכ'ן ענטלאפענעם מערדער זענען פונאנ-דערגעשיקט געווארען שטעק-בריף.

אז מ'וועט איהם געפינען, וועט ער גע-שטעלט ווערען פאר א שטאנד-געריכט.

א קצב און א בעאמטער זיך ביידע גענומען דאס לעבען דורך הענגען

(2) אויף מאטייקי 24 האט זיך אויפגעהאנ-גען דער 42-יאהריגער קריסטליכער קצב, יוזעף שימטשאק.

אויף קשיענושי-מלין 6 האט זיך אויפגעהאנ-גען דער 43-יאהריגער בעאמטער סטעפאן קא-מארניצקי.

אין ביידע פאלען האט מען פון די שטריק ארונטערגענומען טויטע.

די סיבות פון די זעלבסטמארדען זענען דער-ווייל נישט דערגאנגען געווארען.

ארעסט אין פיאביאניץ

(2) אין שייכות מיט די לעצטענס געשעהענעם אין פאביאניץ, איז אהין, צ. א. געשיקט גע-ווארען דער לאדזער פאליציאנט לעאן סמאשיאק, וועלכער האט נעכטען פארטאג פאטראלירט ביי „קרושע און ענדער'ס" פאבריק.

אין א געוויסען מאמענט האט דער פאלי-ציאנט בעמערקט 5 פערזאן אויף א באנק אין די אלעיקעס, וועלכע האבען זיך צווישען זיך גע'סוד'-עלט.

דער פאליציאנט האט געפאדערט, זיי זא-לען זיך פונאנדערגיין. אבער זיי האבען איהם נישט געפאלגט, נאר, פערקעהרט, אנגענומען לגבי איהם א דראהענדע שטעלונג.

דער פאליציאנט האט געמאכט אנ'אלארם, און דאן זענען די פיער ארעסטירט געווארען.

איינער פון זיי איז א לאדזער: מיכאל באנ-טשיק ופון טארגאווע 55), און די איבעריגע פיער — פאביאניצער: העגריק גראלאק (פולאסקיעגא 13) מיראן לאמעק (ראכא 14), לעאן נראלא (לאנקא-ווא 22), און מאריאן קענטקא (זביטניא 32).

ראדיא-פראגראם
מאנטאג, דעם 25 יולי

11,58 צייט-סיגנאל, 12,10 טעגליכע פרע-סע-איבערזיכט, 12,40 מעטעאראלאגישער קאמו-ניקאט, 12,45 גראמאפאן-פליטען, 3,40 גראמא-פאן-פליטען. 4,35 קאמוניקאט פאר פישער און שיפער, 4,40 געשפרעך אין דער פראנצויזישער שפראך, 5,00 נאכמיטאג - קאנצערט, 6.00 רעפע-ראט. 6 20 מאנץ - מוזיק, 7,15 פערשידענעס, 7,35 ראדיא-פרעסע, 7,45 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנדעלס - קאמער, רעפערטואר פון די טעאטערען. 8,00 פעליעטאן, 8,15 טראנסמיסיע פון טשעכאטשינעק, בעת דער ערשטער פויזע — פרעסע-בעריכט, 2-טע פויזע — מעטעאראלאגישער קאמוניקאט פאר לופטפליהער און ספארט-ידיעות.

אויסלאנד

8,00 פאריז — אוידיציע, 8,30 וויען — סימפאנישער קאנצערט, 8,45 רוים — אפערע, 8,50 בודאפעשט — סימפאנישער קאנצערט, 9,00 בריסעל — גרויסער קאנצערט. טר. פון קור-זאל. 10,05 קאפענהאגען — סימפ. קאנצערט.

ר. איזראעל
דאס בופעט-מיידעל
א סענסאציאנעל-ערא‎טישער ראמאן פון דער לאדזער ווירקליכקייט

(77

אין דער זעלבער צייט איז קיין בערלין גע-קומען פון פאריז ראבערט מיט אלאן. ראבערט האט געהאט אנ'אויפטראג פון דער באנדע אין לאדז מיט בערגער'ן בראש, זיך צו דערוויסען וועגען דעם, וואו ס'געפינט זיך אידא פראנקענשטיין, וואס זי מוז אין בערלין און בכלל אלע ידיעות וועגען איהר, אבער נישט באר לשם אינפארמאציע איז ראבערט געשיקט געווארען קיין בערלין, דער באנ-דע איז עס געגאנגען אינגאנצען לעבען, אז אזא פעטע לעז ווי אידא פראנקענשטיין איז, זאל נישט ארויסגעלאזען ווערען פון האנד.

ראבערט איז אבער שוין געפאהרען קיין בערלין מיט גאנץ אנדער'ע געדאנקען, נאך מיט עטליכע וואר-כען צוריק וואלט ראבערט אינגאנצען אנדערש דעם ענין בעהאנדעלט און וואלט זיך געמאכט אנדערע פלענער בנוגע אידאן. איצט אבער זייט ער האט זיך געקענט מיט אלא פייערשטיין און וועלכע איז געווען אינגאנצען אין זיין רשות, זע-נען זיינע געדאנקען, זיין ארט דענקען געריכטעט געווארען אויף גאנץ אנדערע וועגען. דאס איינציגע וואס ער האט אין זינען געהאט איז געווען אלא, מיט וועמען ער האט געלעבט, וועגען איהר האט ער פאנטאזירט, זי האט ער פערגעטערט. ער האט אויך געפיהלט, אז גראד אזוי ווי ער איז פערליבט אין דעם מיידעל, האט זי זיך אין איהם אויך פערליבט. ער איז בשום אופן נישט געווען פעהיג דעם מיידעל עפיס שלעכטס צו טון, אויסצופיהרען זיינע פלענער, צוליב וועלכע ער איז איהר נאכ-געפאהרען און געפאנגען אין דער נעץ צוזאמען מיט קארלען, וועלכע זענען די שליחים פון דער לאדזער באנדע.

ראבערט האט אויך איצט קלאהר געוואוסט, אז זיין ווייטערדיג לעבען האט קיין שום ווערט מעהר נישט אהן אלאן, אז אויב איהם זאל אויסקומען צו פערלירען דאס מיידעל האט ער נישט וואס ווייטער צו לעבען, דעריבער האט ער נישט געוואלט אפילו צולאזען דעם געדאנק, וואס וועט זיין דער-מאלט ווען אלא פייערשטיין וועט זיך דערוויסען ווער ער איז, וואס זיין ריכטיגע בעשעפטיגונג איז, נאך, וואס ער האט זיך מיט איהר בעקענט און וואס פארא פלענער ער האט געהאט בנוגע איהר. לאנג האלטען זי אין אזא אונוויסענהייט איז אויך שוין באלד נישט מעגליך געווען, מיט'ן מאמענט ווען ער וועט ענדיגען זיין מיסיע אין בערלין וועט ער דאך מוזען אוועקפאהרען צוזאמען מיט אלאן, אפשר נאך שפאניען און אפשר גאר קיין ארגענטינא און וואס ווען דאן זיין? ווי אזוי וועט דער גאנצער ענין אויפגעוויקעלט ווערען.

ראבערט איז דעריבער ארומגעגאנגען ווי אהן קאפ, ער האט אפילו זיינע זארגען נישט געקענט בעד-האלטען פאר אלאן, וועגען וואס ער האט זיך זעהר שטארק בעמיהט.

— זאגט מיר וואס איז אייך געשעהען, האט אלא געפרובט איהם צו פרעגען, מיט אזעלכע בעד-טענדע פערליבטע בליקען, איהר האט זיך אינגאנ-צען געענדערט, עפיס האט איהר פערלוירען דעם הומאר, איהר זענט אזוי פערזארגט.

— דאס איז גארנישט, אלא, געשעפטס-זארגען, איך האב שוין געוואלט זיין אינדערהיים, דערווייל האבען מיך די געשעפטען דא פערהאלטען און דיקא שלעכטע געשעפטען, דאס וועט אבער גיך פאר איבערגעהען, שנעלער ווי דו מיינסט, אבער אלא, פארוואס ווילסט דו זיך פערפרעמדען פון מיר, דערווייטערען, פארוואס זאגסט דו מיר נישט „דו" ווי צו א פריינד, עפיס מעהר ווי א פריינד...

— אמת, ראבערט, מיר האבען זיך שוין גע שוואוירען טריישאפט, מיר האבען זיך שוין פער-אייביגט אין א שטענדיגען בונד, אבער אזוי מאדנע איז דאס אלץ, איך פיהל זיך אזוי, ווי איך וואלט ערשט נעכטען געבוירען געווארען, ווי איך וואלט זיך דערוואוסט עפיס אזעלכעס, וועגען וואס איך האב קיינמאל אין לעבען נישט געוואוסט, וועגען וואס איך האב אבער אזויפיל געטראכט, גליק-צייטיג אבער מיט מיין זיסען און ערהאבענעם לעפיהל, האב איך פאר עפיס מורא, איך וויל דאס איבערקעמפען, ווייל איך ווייס דאך, אז ס'איז נישט פערהאן פארוואס זיך צו שרעקען, אפשר האב איך מורא פאר דעם גליק, פאר דעם צוקונפטיגען גליק.

— נישטא וואס זיך צו שרעקען, נישטא פארוואס מורא צו האבען, האט ראבערט געזאגט, צודריי-קענדיג אלאן צו זיך, פערקעהרט, דו דארפסט זיך פרעהען מיט דיין גליק...

— אמת, אזוי ראבערט, אבער פארוואס האב איך דיר וועגען מיר אלץ דערצעהלט, אלץ: מיין פערגאנגענהייט, מיין יוגענד, מיינע לעצטע איבער-לעבונגען, מיינע געפיהלען און דו ביזט אזוי נאך פרעמד צו מיר, פערבארגסט און בעהאלטסט אלץ, ווילסט מיט מיר וואס ווייניגער רעדען, מיידסט אויס צו בלייבען מיט מיר אליין, אפשר דוכט זיך מיר נאר אזוי...

—דיר דוכט זיך נאר מיינע טייערע, דו האסט זיך נאך נישט צו געוואוינט צו מיר. איך האב אזא נאטור, אזא בעהאלטענע, איך רעד נישט צופיל און אויך נישט אלץ.

—אבער פאר מיר דארפסט דאך גארנישט בעהאלטען, פאר מיר דארפסט דאך איצט גארנישט פערהוילען...

— אמת, אבער איך האב'דאך דיר שוין געזאגט אז די געשעפטען האבען מיר די לעצטע טעג אזוי פערזארגט געמאכט, דאס וועט אבער גיך פאראיבער געהען.

ראבערט האט זיך בעמיהט צו זיין וואס פרעהע-ליכער, ער האט פארגעלעגט אלאן אין אווענד זיך, צוזאמען צו פערווײלען, דערווייל איז איהם אפילו נאך נישט איינגעפאלען עפיס צו טון אין דעם ענין וועגען וועלכען ער איז געקומען, זייבע אלע געדאנקען זענען געווען פערנומען מיט איהם, ווי אזוי ער וועט איינאר'דנען זיין ווייטערדיגעס לע-בען מיט אלאן, צי וועט ער בכלל קענען זיך ארויס רייסען פון דעם שמוץ אין וועלכען ער געפינט זיך איצט, פערגעסען וועגען דעם אלעם און אנ-הויבען א ניי לעבען, און אויב ער וועט יא קענען צי וועט אלא איהם פערשטעהען.

(פארטזעצונג קומט)

קריזיס, שונד און אויסוועג

אַנ'אַנקעטע פון „נייעם פאלקסבלאט" ביי יודישע אקטיארען

זיגמונט טורקאָוו

אין יודישען טעאַטער איז איצט נישט קיין קריזיס — ס'איז ירידה. דער אָנהויב פון דער ירידה דאַטירט זיך באָה פון פאַר'ן עקאָנאָמישען קריזיס.

די הויפט־סיבה פון דעם קינסטלערישען קריזיס אין יודישען טעאַטער איז די בעציהונג וואָס מ'האָט ביי אונז געהאַט צום שונד־טעאַטער, אפילו די פרעסע האָט געזוכט אַ זכות פאַר'ן שונד־טעאַטער, דעריבער ווייל ס'איז יודיש, ס'איז נישט געמאַכט געוואָרען די ענטשפּרעכענדע מחיצה צווישען גוטס און שלעכטס. ממילא איז אויך דער עולם דעזאָריענטירט געוואָרען, ער האָט נישט געהאַט דעם וועג־ווייזער פאַר'ן גוטען און דעם אָפּ־ווענדען פון שלעכטען.

אַקטיאָרען, וועלכע האָבען געהאַט אַנ'ערנסטע בעציהונג צום יודישען טעאַטער, וואָס האָבען זייער גאַנץ לעבען געווידמעט און אָפּגעגעבען דער יודישער טעאַטער־קונסט האָבען אָנגעהויבען אַראָפּ־לאָזען די הענד, זיי האָבען זיך געטראַכט.

— אפשר ?אפשר איז אַזוי גוט, מ'דאַרף צונויפקלאַפּען טרופּעס ווי אַזוי ס'לאָזט זיך, שפּילען וואָס ס'לאָזט זיך, ווייל סיי־ווי־סיי איז נישט פאַרהאַן קיינער, וואָס זאָל זאָגען, אַז דאָס איז שלעכט. ס'איז געקומען די אַפּאַטיע, די הילפּס־לאָזיגקייט, דאָס גוטע האָט נישט בעקומען קיין געהעריגע אָפּשאַצונג, דאָס שלעכטע איז אויפ־גענומען געוואָרען, יעדענפאַלס אָהן גרימאַסע.

דער אומשטאַנד, האָט אויך געבריינגט צו דער אונגעהויערער צושפּליטערונג פון די יודישע אַק־טיאָרען־כּוחות, נאָך וואָס דאַרף מען שאַפען צו־זאַמענגעשפּילטע גוטע טעאַטער־טרופּעס, ווען מען קען עס מאַכען אויף אַנ'אַנדערען אופן, געהען דאָרט, וואו ס'וועט זיין בעסער מאַטעריעל, לאָזענדיג די קינסטלערישע זייט מן הצד, זעלבסטפאַרשטענדליך האָט דאָ אויך מיטגעווירקט דאָס וואָס אין טעאַטער האָבען זיך אַריינגעריסען אונבערופענע דירעקטאָ־רען, אונטערנעהמער, רעזשיסערען, טעאַטער־טוער און גלאַט קאָכלעפל, וועלכע האָבען שטענדיג פערקירעוועט צוליב אונוויסען, אָדער בייזוויליג, אָן אַ זייט.

אַ טייל שולד האָט אויך דער מאַנגעל אין רעפּערטואַר אַ טעאַטער קען נישט עקזיסטירען אָהן אָריגינעלען רעפּערטואַר, פערשטעהט זיך, אַז מ'קען און מ'דאַרף שפּילען אויך אַנ'אַנדער רעפּערטואַר, אָבער דער באָדען דאַרף זיין, דער אָריגינעלער אַרסענאַל. דאָס פעהלט אונז.

דער אויסוועג ? ער וועט קומען פון זיך אַ ליין, פון יודישען אַקטיאָר אַליין, דאָס גוטע יודי־שע טעאַטער וועט דאָך אַרויף אויפ'ן וועג, וועל־כער וועט זי דערפיהרען צו אַ הערליכע צוקונפט, צו דעם דאַרף מען דעם גוטען ווילען, די ערנסטע בעציהונג פון אַלע וועמען די יודישע טעאַטער־קונסט וועמען דאָס יודישע קולטור־ווערען, איז טייער.

משה בראָדערזאָן

— דער קריזיס אין יודישען טעאַטער ?

אויב עס האַנדעלט זיך וועגען יודישען טעאַטער גופא, און נישט בלויז וועגען דער טעא־טער־קאַסע, איז די פראַגע אַ גאַר קאָמפּליצירטע, ווייל דאָ האָבען מיר צו טון מיט א ק ר י ז י ס אַ כ ר אָ נ י ש ע ן, וועלכער ציהט זיך שוין צעהנדלי־גער יאָהרען, זינט עס איז פון דעם יודישען טע־אַטער־בוים אָפּגעפאַלען די בליהענץ פון דער גאָלדפאַדענישער מאַי־עפּאָכע, און די פּלערליי לאַ־טיינערישע בלעטער־ווערים האָבען צופרעסען די יונגע קנאָספּען פון דער יודישער טעאַטראַליע...

נישט די קינסטליך־צוגעשטופּטע צווייגען—מינדערוואַרטיגע פון גאָרדינען, נישט די ליטע־ראַריש־געדענקטע —פון הירשביינען, אש'ן, פּינסקין און אַנדערע מינדערווערטיגערע האָבען געקאָנט נושא פּירות זיין — און פון גלייך נאָך־גאָלדפאַדע־נען דעריבער דאַטירט זיך דעריבער דער קריזיס אין יודישען טעאַטער.

דאָס איז איינס !

און צוויי — האָט קיין יודיש־טעאַטער, ווי איך פערשטיי עס (אַלס נאַציאָנאַלע דערגרייכונג! אַלס פאָלקס־שטאָלץ, אַלס ביישטייער צו אַלוועלט־ליכער טעאַטער־קולטור !) נישט געהאַט און נישט געקאָנט האָבען קיין קיום, ווייל דאָס, וואָס מיר רופען אָן מיט'ן פּיליזאָגענדיגען און אחריותפולען נאָמען „קינסטלער", איז קודם־כל זעלבסטאָפּפערונג, אידעאַליסטישקייט — בעוואוסטזיניגע און אונטער־בעוואוסטזיניגע — הייליגקייטס־געפיהל, גרויסע נשמה־זויבערקייט א. ד. גל. וואָס דאָס איז אין יודישען טעאַטער א יקר המציאות.

די פּילע יאָדער פון קריזיס, מוז אומברח־מנותדיג, אויפן כירורגישן וועג אויסגעשניטען ווערן.

אַ קייזער־שניט איז נויטיג !

— און וואָס איז שונד?

די ליבע חברים אַקטיאָרען מאַכען זיך „גאַ־פּעוואַטע" אַזוי־צוזאָגען, און חזר'ן איבער, בפה אחד, די זעלבע שונד־געדאַנקען איינער־ווי־איינער: ס'איז נישטאָ קיין שונד!

שונד—ליבע פריינד—זענען די שווערע טראַנס־פּאָרטען אידיאָטסטווע, די פּראָדוקציע פון מוח־דערשיטערונג, וואָס זענען מאַסענווייז פּאַבריצירט געוואָרען אין די גראַפאָמאַניע־שאָפּ'ן פון אַמעריקע.

שונד איז דער סם־המות, וואָס ווערט פּראָ־דוצירט און פערשפּרייט אין העלפאַנטען־פּאַרציעס צווישען דעם אין רוב מנין ובנין אומשולדיגען און נאַאיוו־בענאַרישטען טעאַטער־בעזוכער.

ס'איז אַ ליגען, אַז שונד איז אין טעאַטער נישט פאַרהאַן! איך, למשל, זעה אין יודישען טע־אַטער—מיט גאָר קליינע אויסנאַהמען! — בלויז שונד, אָנהויבענדיג שוין צ. ב. פון מאָריס שוואַרץ'ס ערשטען עסטראַדע־אויפטריט מיט די פּאַרקאַטשע־פורעטע אויגען צו די הויכענישען פון... באַלקאָן, נאָך איידער ער עפענט דעם מויל.

ווער ס'האָט דאָס. אין זיין גרויסער נייגע־ריגקייט און האָפענונג פונקט ווי איך געזעהן, זאָל זיך פּרובען דערמאָנען!

שונד איז—דער עקלהאַפטסטער מין בלאָף אין טעאַטער, ווען לא דאַי וואָס מ'נעמט ביי דיר צו די פּאָר גראָשען, פערקויפט מען דיר אַנ'אָפּגע־קראָכענע, פּאַרשוואַטצ קאַץ אין זאַק!

דער שונד אין יודישען טעאַטער האָט געגנוי־אַלע אייגענשאַפטען פון סאַכאַרין, וועלכער ברענגט נוצען דעם שמוגלער, דעם צוקער־ליידענדען וכדומה.

— היינט וואו־זשע איז דער אויסוועג פון קריזיס ?

— פאַר דעם ע י ק ר ־ ק ר י ז י ס, פאַר דעם לאַנג־אָנענדיגען, וועלען זיך זאָרגען ד י, וואָס קעמפען און ווייטיקען פאַר אַ מענשליכען פאָלקס־רענעסאַנס, אויב מיר וועלען צו איהם, ביי אונזער שפּל'דיגקייט און קלאַסישער קלאַסען־דעזאָריענטירט־קייט, זוכה זיין.

ראשית כל ח כ מ ה — מוז דער בעגריף י ו ד י ש ט ע אַ ט ע ר ווערען אַזאַ קולטור־אויפגאַבע, ווי יודישע ליטעראַטור, יודישע מאַלעריי, יודישע מוזיק, ווי י ו ד י ש ע ק ו נ ס ט ב כ ל ל !

וואס די פרעסע שרייבט וועג? מרים קאַראַלאָווא

די לעמבערגער „כווילאַ"

די „כווילאַ" שרייבט, אז מרים קאַראַלאָווא די פיינע סוברעטין מוז מען זעהען, כדי צו האָבען א בעגריף וועגען איהר טאַלאַנט. איהר סוקצעס איז א בערעכטיגטער, ווייל אַזויפיל גראַציעזקייט זעהט מען זעלטען ווען אויף דער יודישער ביהנע. די סצענישע לייטונג געפינט זיך אין די הענד פון דעם בעגאַבטען רעזשיסער ה' קאַמבאַראָוו, וועלכער טרעט אויף אליין אין די פאַרשטעלונגען אלס גלענצענדער טענצער. דעריבער ווערט יעדע פאָר־שטעלונג פון דער גלענצענדער ארטיסטין קאַראַלאָ־ווא שטאַרק בעזוכט און איהר יעדער בעזאַנגס־נומער שטורמיש אַפּלאָדירט.

פון יודישען טעאַטער אין פילהאַרמאַניע

היינט מאָנטאָג ווערט געגעבען אין פילהאַר־מאָניע מיט די גלענצענדע אָפּערעטען־שוישפּילערין מרים קאָראַלאָווא די אָפּערעטע „מלכהלע". מאָרגען—„דעם בעקערס טעכטערל".

פון „סקאַלאַ"־טעאַטער

היינט ווערט געשפּילט די שטאַרק־אויסגעצוי־מענע פּיעסע „איך וויל א קינד" מיט בערטאַ גערסטען אין דער הויפּטראָל.

קויפט ביי אונזערע אַנאָנסען־געבער

שמואל לאַנדאַו

דער קריזיס אינ'ם יודישען טעאַטער שטאַמט פון די אַקטיאָרען גופא. פאַרוואָס זאָלען מיר דאָס נישט זאָגען אָפען. געווען זעהר גוטע צייטען פאַר יודישען טעאַטער און דאָס איז געווען דאַן, ווען דאָס טעאַטער האָט זיך געשטיצט אויף גוטע אַנ־סאַמבלען. נישט געווען קיין סטאַרען. די סטאַר־ען האָבען אַרום זיך געשאַפען קליינע מלוכה'לעך אינ'ם יודישען טעאַטער.

יודען ווילען איצט געהן אין טעאַטער דאַן, ווען מ'וועט זיי ווייזען עפּיס גוטס. דער עולם וויל מעהר נישט געהן אין טעאַטער, וואו ער זעהט איין גוטען אַקטיאָר, אָדער אַקטריסע אַ סטאַר — אַרומגערינגעלט מיט אונפעהיגע אַקטיאָרען. אַ חוץ דעם ווערט די פּיעסע אַזוי צוגעשניטען פאַר'ן סטאַר, אַז נאָר ער אַליין זאָל זיך אַרויסזעהען און די אַנדערע מיטשפּילער קומען אַרויס ווי ליאַלקעס מיט וועלכע דער סטאַר דאַרף זיך שפּילען, ווען נישט די סטאַרען, וועלכע נעמען צו דעם גרעסטען פּראָצענט פון דער הכנסה, וואָלט מען געקאָנט אויך איינשאַפען אַ ליטעראַרישען רעפּערטואַר. שריפטשטעלער וואָלטען געשריבען פאַר'ן טעאַטער, ווען מען וואָלט זיי געקאָנט בעלוינען. נעמען אָבער די סטאַרען אַראָפּ די סמעטענע.

די רעגירונג, די שטאָט־פערוואַלטונג שטיצט נישט דעם יודישען טעאַטער, מוז מען איהם אַליין בויען. עס מוזען זיך צוזאַמענגעהמען די בעסטע אַקטיאָרישע כּוחות און שאַפען דאָס נייע גוטע יו־דישע טעאַטער.

אויס סטאַרען־סיסטעם, צוריק צום אַנסאַמבל־שפּיל, מוז זיין די לאָזונג.

שונד ? נישטאָ קיין שונד, דאָס בעסטע מאכל וואָס מען דערלאַנגט אויף אַ שמוציגען טעלער, קאָן מען נישט עסען. מען דאַרף דעריבער אויס־ריינ־יגען און קאָנטראָלירען דעם פּיעסען־רעפּערטואַר.

אַ ליטעראַריש־קינסטלעריש־טעאַטער איז אוני־מעגליך צו עקזיסטירען אָהן סובסידיעס, אַקטיאָרען קאָנען נישט אויסטראָגען אויף זייערע פּלייצעס דאָס טעאַטער. די געזעלשאַפט מוז קומען צו הילף דעם יודישען טעאַטער, וועלכער קאָן זיך נאָר שטי־צען אויפ'ן יודישען אַרבייטער און מיטעל־קלאַס. די אַסימילירטע יודישע בורזשואַזיע און די חסידים געהען דאָך נישט אין יודישען טעאַטער.

איז דער אויסוועג אַ גוטער אַקטיאָרען־אַנ־סאַמבל, ערנסטע בעציהונג און אַ גוט צוגעקליבענער רעפּערטואַר. דער קריזיס וועט שוין במילא פער־שוואונדען.

מאַרק אַרנשטיין

אין קריזיס פון יודישען טעאַטער איז צו אַלעם ערשטען שולדיג דער קריזיס. נאָכדעם דער טעאַטער, דערנאָך ערשט דער יודישע טעאַטער.

האָט זיך דאָך די דאָזיגע אַפּאָקאַליפּטישע חיה, דער קריזיס מיין איך — ווילד געוואָרפען אויף אַלץ, וואָס האָט ביז איצט געהאַט אַ קיום אין מענשליכען לעבען און וויל עס פּערצוקען; וואָס זשע איז דאָ טעאַטער פאַר א יחסן ? פער־קעהרט—דער שכל איז מתחייב, אַז דווקא אַזאַ זאַך ווי טעאַטער, דאַרף און מוז זיין אין אַזאַ וועלט־קריזיס דער ערשטער קרבן... בפרט נאָך יודיש־טעאַטער, וואָס איז ווי א בוימעלע, וועלכעס האָט נאָך נישט געהאַט גענוג צייט אַריינצולאָזען זיינע וואָרצלען טיף אין דער ערד זיך פונאַנ־דערצווואַקסען, צושפּרייטען זיינע צווייגען, איינ־זאַפּען אין זיך גענוג זשיוויצע און לעבענס־זאַפט, וואָס זאָל איהם קלעקען אויף די יאָהרען פון טרוקעניש, פון ברענענדע היצען...

ווער האָט זיך געקומערט פאַר'ן יודישען טעאַטער אין דער תקופה פון זיין פריהלינג, ער זאָל נישט פערפרוירען ווערען ווען ס'וועט קומען דער ווינטער ?

ווער האָט בכלל אמאָל געזאָרגט איהם צו בעפעסטיגען, כדי ער זאָל קענען ביישטעהן אין אנ'עת־צרה ?

קריטיקער — דאָס האָט דער יודישער טע־אַטער געהאַט אייביג גענוג און איבעריג... אָבער פערזאָרגער, כ'מיין אמת'ע אַפּוטרופּסים, אויפריכ־טיגע פּראָטעקטאָרען, הארציגע מעצענאַטען, צי אפילו גלאַט בעשיצער און בעשירמער, אַזעלכע האָט דער יודישער טעאַטער קיינמאָל נישט גע־קענט !

זאָל זיין, אַז ביז היינט האָט זיך די יודישע ביהנע אָן זיי געקאָנט ווי ס'איז בעגעהן. איז נישט געוועז ווער ס'זאָל פאָדערן פאַר'ן יודישען טעאַטער אַ רעגירונגס־שטיצע גלייך מיט'ן נישט־יודישען טעאַטער, — נו, האָט מען זיך ווי ס'איז אַנ'עצה געגעבען אָהן די דאָזיגע שטיצע. אָט למשל, מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָט זיך אין וואַרשא אַרויסגעוויזען, אַז די שטאָט האָט מיט איין טעאַטער־געביידע צופיל... („טעאַטר באָגו־סלאַווסקיעגאָ") האָט מען געקלערט און געקלערט, וואָס זאָל מען טון מיט דעם דאָזיגען איבערפלוס און מ'האָט צום סוף די געביידע פערוואַנדעלט אין אַ קינעמאַטאָגראַף. און קיינעם פון אונזערע פאָרשטעהער אין מאַגיסטראַט איז אפילו נישט איינגעפאַלען צו מאָהנען, אַז מ'זאָל דעם בנין, וואָס געפינט זיך דווקא אין האַרץ פון יודישען געגענד, אָוועקגעבען דעם יודישען טעאַטער־וועזען, וואָס שטאַרבט פשוט פון היימלאָזיגקייט.

וואו איז דער אויסוועג ? די רעטונג ?

ווי אַזוי קען די יודישע ביהנע ניצול־ווערען פון באמת איצט דראָהענדען אונטערגאַנג ?

עס דאַרף גערופען ווערען אַ קאָנגרעס פון די אַלע, וואָס זענען פעראינטערעסירט, אַז אַזאַ וויכטיגער צווייג פון נאַציאָנאַלע קולטור ווי יודיש טעאַטער, זאָל נישט פערדאַרט און אָפּגעבראָכען ווערען פון אונזער אַלגעמיינעם קולטור־בוים... אויף אַזאַ קאָנגרעס דאַרפען פעהלען די בעס־טע פאָרשטעהער פון אונזער טעאַטער, ליטעראַטור, זשורנאַליסטיק, שול־וועזען, ווי אויך די איינפלוס־רייכסטע געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע טוער. מיט די רעזאָלוציעס פון אַזאַ קאָנגרעס וועט זיך מוזען רעכענען יעדע רעגירונג און יעדע מוני־ציפּאַליטעט. א סך פּראָבלעמען וועט מען דאַרפען לעזען, אַ סך פּרינציפּען קלאָר מאַכען, ביז — מ'וועט געפינען דעם אויסוועג, די רעטונג פאַר'ן יודישען טעאַטער, וועלכע דאַרף און מוז לעבען — אַזוי לאַנג ווי ס'לעבט דער רעיון פון דער יודישער קולטור!

די איניציאַטיווע וועגען צונויפרופען א יודי־שען טעאַטער־קאָנגרעס איז מחויב צו נעהמען אויף זיך דער פּען־קלוב.

יודיש טעאַטער אין „פילהאַרמאָניע"
פערבאַנד־טרופּע פון א.א.פ. אין פוילען. אָנפיהרונג: א. בעזמאַן.
היינט, מאָנטאַג, 9 אָוונד – גרויסע פּאָפּולערע פאַרשטעלונג פון 50 גר. ביז 1.60 זל.
מיט דער גלענצענדער אָפּערעטען־שוישפּילערין
מרים קאַראַלאָווא
צום לעצטען מאָל (אונאָפּרופליך) די קאָמישע אָפּערעטע
מלכהלע
אין 3 אַקטען פון שומסקי.
– רעזשי: –
ד. קאַמבאַראָוו.
מיט אָנטייל פון דעם יוגענדליכען געזאַנג־ליבהאָבער אַדאָלף מעפנער.
מאָרגען, דינסטאַג מיט מרים קאַראַלאָווא
דעם בעקער'ס טעכטער'ל

קויפט נור פון די 1-טע קוועלע

גרויסער אויסוואהל

שפאצירוואגענס

אייזען - ניקעל-

בעטען

מאטראצען

ספרענזינאווע „Patent"

וויזשימאטשקעס אמעריקאנער

צו בעקומען אין פאבריקס-לאגער

„DOBROPOL", Łódź

Piotrkowska 73 (אין הויף)

שייטלען

מיט פאריזער שרינדען

ווי אויך פערטיגע שייטלען

ווערען ערשטקלאסיג און רעיעל אויסגעארבייט

צו ביליגע פרייזען

-- און אנדולאציע --

ביי קערש, סקווערארווא 15

לינקע אפיציגע, 1-טער שטאק.

Dr. med.

W. Eychner

אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען

וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4

(נעבן קינא „טשארי") טעל. 134-72

נעהמט אן פון 2 1/2 – 4 און פון 7 – 8 אוונד

מיליטער-פליכטיגע

אסאדעמיקער (סטודענטען),

וועלכע נויטיגען זיך אין עצות אין אלע מיליטער-אנגעלעגענהייטען, דארפען זיך ווענדען צום לאנג-יעהריגען מיליטער-בעאמטען

ב. מאז.

פעטריקאווער 10

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין בעסטען דאנק דעם ה' מאקס בארנשטיין, שענקעוויטשא 9, פאר זיין ארויסהעלפען מיר פון א שווערער פערלעגענהייט. 4479 ב. קאפלאוויטש.

גענעז שוויים פון פיס!

גענעזן אדציסקעס! נוצט נור דעם שוין זיים 25 יאהר בעוואוסטן פראשעק און פלאסטער „ראדיקאל" פרייז 30 גר: א שאכטעל מיט א זופעל 50 גראשן. היט אייך פאר פערש. נאכמאכונגען, וועלכע ברענגען קיין נוצען, נור שאדען די פיס און אייער געזונד. אויך פלין „ראדיקאל" געגען וואנצען, גאראנטירט אויף א גאנצען זומער. פרייז פון א פלעשעל 70 גר.

אלעס צו בעקומען ביים ציטונגס-פערקויפער וועלנארזש, אלט-שטאדט 1, אויך ביים ציטונגס-פערקויפער פנחס וועלנארזש, פיעטריקאווער 34 (רוג צעגעלניאנא). 3910

קליינע אנאנסען

1 זלאטי

פאר א אנאנס ביז 15 ווערטער

לאקאלען

זאפארט איבערצוגעבען א צימער מיט צוויי פענסטער, עקסטרא איינגאנג אויף א פראצאוויניע ביי צאלצינסקי, קילינסקיעגא 28, אין פאפיר-געוועלב. 4483

צו פערדינגען א שטוב אויף נאוואמיעסקא 21 אין הויף. צו ערפאהרען ביים וואליזען-מאכער ארבאך. מעקלערס געווינשען. 4482

פריוואטשטונדען

עס ווערט געברויכט א סוויטער-ארבייטער אויף א 8-ער מאשין ביי א. קרישטאל, קאלעג-באכא 23. 4480

עס ווערט געזוכט א קוואליפיצירטע שפי-לערין. צו מעלדען זיך ביי ניימאן, פאלנאצנא 10.

URODONAL

CHATELAINA

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczysz. wątrobę i stawy, łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.

Przedstawicielstwo ul. Fredry 4 Warszawa

לעטשניצע

פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

17 זגיערזשער 17,

טעלעפאן 116-33

ס'נעהמען אן דאקטוירים פון אלע ספעציאליטעטע ד"ר גאלדשטיין-פאלאק, ד"ר יוסטמאן, ד"ר מ. קאנטאר, ד"ר ציגע, ד"ר ראקאווסקי, ד"ר ראזענצווייג, ד"ר רוזשאנער, ד"ר וויינבערג, ד"ר סטופעל. צאהן-ארצט גראדזיענטשיק-קאראשיאווא ווי אויך וויזיטען אין שטאט. רענטגען-בעשטראלונגען, קווארץ, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע און ערצטליכע אנאליזען.

בעמיש-באקטעריאלאגישע לאבאראטאריע פון מאגיסטער

ב. שאץ

פיעטריקאווער 37

פראנט, 2 שטאק.

אנאליזען פון קאל, אורין רייכעץ און אנד.

מעסיגע פרייזען.

ENGLISH

פאראנפענגער און פארט-געשריטענע. קאנווערסא-ציע, ליטעראטור ערטיילט א פעהיגער פע-דאגאג. — אפערטען אין אדמיניסטר. פאר "Mir"

SANATORJUM „PALACE"

פאר דערוואקסענע און קינדער

אין כעלמי (הינטער לאדז)

נעמט אן אלערארט קראנקע און רעקאנוואלעסצענטן. אויפזיכט פון דאקטוירים-ספעציאליסטען.

חיל-בעדער. מאראסען צו זון-לופט-בעדער הערלעכע עלעקטרישע. חיל- און אטעם-גימנאסטיק. טעניס-שפיל און אנדערע פערוויילונגען. — לויפענד וואסער אין די צימערן, שעהנע גענעגע אין סאסנאווע וואלד.

אידעאלע אברוה-בעדינגונגען.

Dyrektor

Dr. RAKOWSKI. 3057

„SANATO"

כירורגיש-וועכנעריז-אנשטאלט

אגראדאווא 10, טעל. 213-57

1-טע און 2-טע קלאס

גינעקאלאגיש-וועכנעריז-אבטיילונג

ד"ר מעד. ש. אייגער, ד"ר מעד. י. בוים, ד"ר מעד. רייטלער-סוריאנסקא ד"ר מעד. וו. אייכנער

פרייז פון א געבורט

אין 2-טען קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען

200 זל.

אויפזיכט איבערן קינד ד"ר מעד. י. פאלאסאווו

כירורגישע אפטיילונג ד"ר מעד. מ. קאנטאר.

Dr. med. REICHER

פאלודניאווא 28, טעל. 20193

ספעציאל-ארצט פאר מענער-שוועכע-בעהאנדלונג

צוריקגעקעהרט.

נעהמט אן פון 8 — 11 פרי און פון 5 — 8 אוונד

זונטאג און יום-טובים פון 9 — 1 בייטאג.

Dr. med. Haltrecht

ספעציאל-ארצט פאר הויט-

און געשלעכטס-קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

נעמט אן פון 5—9 אוו., זונטאג פון 10—1 בייטאג

פאר אונבעמיטעלטע – לעטשניצע - פרייזען.

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפעראציע, אן בלוט. אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער, ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס איז גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, וויל דער ווינקעל-בראך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער אזוי ווי א וואסער-קאן און עס פאלט אריין אין דעם פיס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעל גענייטע הייל-באנדאזשען. אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מיינע בע-האנדלונג און פון דייטשען פראפעסאר

דאקטאר בראבירעווינער בעזשטיגען זיכער דעם שווערסטען און געפעהרליכסטען בראך. אויך פאר הויקערס, ליידענדע מיט הייל-נארסעטען און שפא-ראטען פאר פערקרומטע פיס און פלאטע-פיס. ספעציעלע איינלאגען אין די שוך קינסטליכע גלידער פיס און הענד, גומענע זאקען, פאר די גרעסטע קראנקע אדערן. עמפאנגט פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אוונד.

ארטאפעדישע אנשטאלט

Specialist J. RAPAPORT, Ortoped

von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,

tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבע-דינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר באראנטש, פראפ. ד"ר י. מאריש-לער, פראפ. ד"ר בר. קיפלאנאווסקי און אויך אנדערע.

מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין בעסטען דאנק דעם ה' ד"ר. י. ראפאפארט, וואוינהאפט אין לאדז, וואולטשאנסקא 10 פאר זיין זארגפעלטיגען פערלענגען מיר אן ארטאפעדישן באנדאזש. א דאנק דעם דאזיגען ארטאפעדישען באנדאזש פיהל איך מיך זעהר גוט און עס דראהט מיר נישט קיין שום געפאהר. כ'מוז בעמערקען, אז זייט א סך יאהרען האב איך געליטען אויף א נאפעל-בראך און אלע באנדאזשען אויסגעפיהרטע אין וויען, בערלין, רוים און אנדערע שטעט און מיז בעטאנען אלס דאקטאר און אלס לייזענ-דער, אז אזא דאנק דעם גרויסען ספעציאליסט ה' ד"ר. י. ראפאפארט בעזיץ איך זיין פאכמענניש פערלענגטען באנדאזש.

Doktór medycyny

M. Geller, Łódź, Kopernika 49.

דער רעיענט קאזשימירוש ראסמאן אין לאדז, פיעטריקאווער 72 האט דאס דאזיגע אטטליך בעשטעטיגט do LR678

— — די — —

בעוואוסטע פעלד-בעטן



Palma-Patent

„Palma-Patent"

וואס זענען אלעמען בעקאנט מיט זייער פראקטישקייט און דויערהאפטיגקייט

מיט א גאראנטיע אויף 3 יאהר

ווי אויך לעזשאקעס, פעלד - בעטלעך און פעלד - בענקלעך

מאטראצען געבעסטע שאטקאווע, קאנאדיסקע קאזעטקעס, טאפטשאנעס

בעקומט מען נור אין דער בעקאנטער פאבריק

לאדז, פולנאצנא 24, טעל. 113-85

הורט — דעטייל

יעדער איינציגער

האט זיך איבערציינגט, אז פאר

מעבעל

דיוואנעס, פעלצען, נייה-מאשינען, גארדעראבען אז"וו

צאהלט די העכסטע פרייזען

א. ווייצמאן שענקעוויטש 23

טעלעפאן 191-00.

ביי מיר איז שטענדיג פערשידען גענוצט מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

א הייל-אנשטאלט

פאר אויערן, נאז, האלז

און אטעם-קראנקהייטען

Dr. Z. RAKOWSKI

פון

אין כעלמי (הינטער לאדז)

נעהמט אן אגמעלדונגען אויף צו זיין און אפעראציע, הילף. – פיזיקאלישע היילונג, הייל-בעדער, זון-לופט בעדער, הייל- און אטעם-גימנאסטיק.

צופאהרען אויפ'ן ארט אדער 11 ליסט אפאד 6

טעל. 127-81 8681

ווערקשטעל

פון שירמס

און שפאציר-שטעקענס

ס. פייגענבוים,

לאדז, נארוטאוויטשא 19

עמפפעהלט אין א רייכען אויסוואהל פון קאלירטע דאמען- און מענער-שירמס און שטעקנס צו קאנקורענץ-פרייזען.

נעמט אן אלערליי רעפאראטורן פון שירמס און שטעקנס

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז – 5 זל. א חודש מיט צושטעלען א היים אויף דער [illegible]; א חודש אין אויסלאנד – 8 זל.

פאר'ן איינהאלט און טערמינען די אנאנסען איז דער פערלאג ניט פאראנטווארטליך; די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—22 גר. אין דער זייט 8 שטאפען

אין טעקסט—40 " " " " 60— " " 4 "

נאכ'ן טעקסט—12 " " " " 18— " " 8 "

[illegible]

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółka z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Benstowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kraśnic.

Czcionkami i drukiem „Najer Folksblat", Piotrkowska 81.